אליין דאס לעבן נעמען וועט עס אויפטרייסלען דאס געוויסן פון דער וועלט לגבי זיין פאלק. חבר ארטור, דער קראסנאסטאווער ארבעטער און שליח־ציבור פון פוילישן יידנטום, איז געווען גאנץ גרייט אויסצופירן אט דעם מאראלישן אימפעראטיוו און אין דער נאכט פון 11טן צום 12סטן מאי, 1943, האט ער זיך אליין געברענגט פאר א קרבן — דעם גרעסטן קרבן, צום וועלכן א מענטש קען דערגרייכן!

וויפל מוט, וויפל גלויבן, וויפל העלדישקייט מוז דאס איינער האבן, כדי צו קענען פארענדיקן זיין אייגן לעבן אלס אויסדרוק פון אט אזא פראטעסט? גישט זייענדיק דערצו געצוואונגען מצד שונאים און נישט וויסנדיק צי זיין אקט פון זעלבסטאויפאפפערונג וועט ברענגען דעם געוואונטשטן רעזולטאט, האט ער אים דאך אויסגעפירט;

דעריבער וועט דער נאמען שמואל זיגלבוים תמיד דערמאנט ווערן מיט יראת־הכבוד כל־זמן עס וועט עקזיסטירן דאס יידישע פאלק, פאר וועמעס ווירדע און עקזיסטענץ ער האט זיך מקריב געווען. אזוי ארום האט דער חבר ארטור דערגרייכט צו הויכקייט — אויב נישט נאך העכער!

## עלע זילבערג

## וואס גענוג איז גענוג

וואס גענוג איז גענוג,
און גענוג איז ניט מער,
פארשפענדט אלע כוחות.
אויסגעוויינט יעדן טרער.
און יארן, און יארן,
געפייניגט געפלאגט,
אן א היים, אן א לאנד,
ווי די חיות געיאגט.

איז גענוג שוין גענוג,
געקומען דער סוף,
צו לאנג האט געדויערט,
דער פארמאטערטער שלאף,
אצינד מיר זיינען וואך,
א צינד מיר קומען צו גיין,
און ווילן פאר אויביג,
שוין בלייבן דא שטיין.

זאל זיין גענוג, און גענוג,
שוין פארגאסן דאס בלוט,
פון אומשולדיגע קינדער
פון מענער מיט מוט,
יעדן טריט פון דער ערד,
מיט קרבנות באלייגט.
יעדן ביימל און גראז,
מיט שווייסן פארוויקט.

און אלץ ניט גענוג,
און אלץ איר ווילט מער,
ווי פון הונגריקע חיות,
איז גרויס דער באגער,
טא ווייסט און פארשטיילט.
עס איז מער ניט קיין שפאס,
מיר מיינען צו קעמפען,
אין שטוב און אין גאס.

ביז אונזערס ווערט בלייבן,
וואס אונז נאר געהערט,
צו לעבן אין שלום,
פון פיינט אומגעשסערט.
וואס גענוג איז גענוג,
מיר האבן דעם מוט,
ישראל בלייבט אונזערס,
כל זמן עס רינט אונזער בלוט.

---

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

(בערנארד באראן סעטלמענט, בערנער סטר. 33, א.1. שבת, 3 א זייגער)

שבת, דעם 1שטן יוני — ערב שבועות, א שבועות פראגראם. עס באטייליקן זיך יעקב ריכטיגער ח. נ. בענקוויטש, מאיר באגדאנסקי און נעט רובין.

שבת, דעם 8טן — סעם לעוו, די ראסן־פראגע דיסקוסיע אין ענגלישן פארלאמענט.

שבת, דעם 15טן — גארקיס 100סטער געבוירן יאר רעדנער משה דאמב.

שבת, דעם 22סטן — עלע זילבערג וועט לייענען אירע ישראל לידער.

277

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7 (העפט 439) נײַן און צוואנציקסטן יאר יולי 1968 לאנדאן

אינהאלט:

די עיר עתיקה — ירושלים, אין די בין המצרים טעג (צייט־לידער) ...... ** 1

ביאליקס אידיי וועג קולטור (עסיי) ........ יעקב ריכטיגער 10

אותיות (פאעמע) ........ יוסף לעפטוויטש 15

דויד מיכאלעווסקי און יודל ראדאנסקי (טיפן פון אלטן ווייטשעפל)
ח. נ. בענקוויטש 16

זאג דאס דו בענקסט (ליד) ........ עלע זילבערג 18

האס (ליד) ........ שמואל ווהייט 18

עלזע לאסקער־שילער (פראזא), אין דער אוגערקע צייט, שקיעה־שעה, א
ווארט פון קאצקער מכוח אלטער (לידער) ........ א. נ. שטענצל 19

„די יידן פון מדינת עסטרייך" (רעצענזיע) ........ שמואל פידערער 29

דער פרעמדער, שכורט אייך אן ........ שארל באדלעיר 34
לאנדאן קולטור ידיעות

---

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—
'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

---

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

## לאנדאן קולטור ידיעות

ביי דער לעבעדיקער צייטונג איינגעארדנט פונם שרייבער־פעראיין און יידישן וועלט קאנגרעס האבן פארגאנגענעם חודש גערעדט אונטער דער רעדאקציע פון יוסף פרענקל ד״ר מנחם מ. ערנסט איבער דער דינאמיק פון יידישן שטעטל. ד״ר י. זיידעל די אייגנארטיקייט פון יידישן וויץ ד״ר מאיר גערטנער און פרא. ד. דירינגער האבן געגעבן אפשאצונגען איבער י. א. ליסקיס בוך „געזאנגען צו מדינת ישראל״ וואס איז איצט ארויס אין לאנדאן מיט א פארווארט פון ד״ר ראביי ראבינאוויטש, ד״ר ש. לעווענבערג און מיט א נאכווארט פון ש. גאלדשמיד און ש. שייערמאן.

די לעבעדיקע צייטונג פון היינטיקן חודש איז געווען געווידמעט „די תמוז־יארצייטן״. יוסף לעפטוויטש איבער משה שרת: שמעון פריזנער איבער וולאדימיר זשאבאטינסקי און יוסף פרענקל איבער טעאדאר הערצל. איבער א. מ. קייזער, (צו דער ערשטער יארצייט) האט גערעדט ש. י. הארענדארף.

דאס באקאנטע אקטיאר־פאר סעם געלדבערג און עלען ווינאגראדא האבן געגעבן צוויי אוונט, פון הומאר און געזאנג אין דער וועסט־ענד וואס האט גאר שטארק אויסגענומען ביים עולם.

משה דאמב האט געהאלט אן רעפעראט ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאג איבער די יידישע מאטיוון ביי גארקי.

צו דער ערשטער יארצייט פון א. מ. קייזער האבן ביי די ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס גערעדט איבער קייזערס הומאריסטישע פעליעטאנען יעקב ריכטיקער, ח. נ. בענקוויטש. געלייענט קייזערס הומארעסקעס האט נעט רובין. עס האבן זיך נאך באטייליקט מאיר באגדאנסקי און בר כוכבא נאראד.

צו דער 11׳טער יארצייט פון שלום אש איז געווידמעט געווען א שבת מיט אפשאצונגען איבער אש׳ס שאפן און לייענען פון זיינע ווערק. ס׳האבן זיך באטייליקט מאיר באגדאנסקי א.א.

בינם העלער, דער באקאנטער פאעט פון ישראל, איז געווען דא אויף א באזוך.

אברהם שולמאן, דער באקאנטער פעליעטאניסט מיטארבעטער פון „פארווערטס״ אין אמעריקע איז דא אויף א באזוך אין לאנדאן.

ווי מיר הערן געפינט זיך דער בארימטער שרייבער פון פאריז, מענדל מאן, אויף א באזוך אין לאנדאן.

פרא. שמואל אייזנשטאט, פראפעסאר פון דער ירושלים אוניווערזיטעט, איז דא אויף א באזוך ביי זיין טאכטער אין לאנדאן.

ווי אלע יאר איז ביי די שבת נאכמיטאגס געווידמעט געווען די יארצייט פון הערצל און ביאליק. איבער הערצלען האבן גערעדט יוסף פרענקעל און ח. נ. בענקוויטש. ביאליקס שחיטה־שטאט האט דעקלאמירט נעט רובין לידער פון ביאליקן האבן געזינגען מאיר באגדאנסקי און זשעני האט, און מאדאם נאדלער.

רבי קאפל קאהאנע, מאקעווער רב, א באקאנטער גדול פון מזרח־אייראפע, וואס איז דא געקומען קורץ פאר דער מלחמה אין שליחות פון דער לובלינער ישיבה. אין מלחמה־צייט באקומען דעם ד״ר טיטל אין קעמבריטש אוניווערזיטעט האט יעצט באקומען דעם טישל פראפעסאר אין עמיריטור פון לאנדאנער דזשיאיש קאלעדזש.

דעם גאנצן חודש אויגוסט ווערן די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס נישט אבגעהאלטן, נאך די וואקאציעס, דעם 7׳טן סעפטעמבער, הייבן זיי זיך ווידער אן.

די קארל ראטמאן ליטעראטור־פונדאציע ביים אלוועלטלעכן קולטור קאנגרעס און פען־קלוב אין ניו־יארק האט דעם 22טן יוני ה. י. אויף א פייערלעכער מסיבה אין אטראן־הויז, ניו־יארק, צוגעטיילט די ליטעראטור־פרעמיעס פארן יאר 1967 צו דער דיכטערין רייזל זשיכלינסקי פאר איר בוך לידער „הארבסטיקע סקווערן״ און צו דר. יעקב י. מייטליס פאר זיין סטודיע „אן אפקלייב פון מעשה־בוך״, וואס דער מחבר גרייט איצט צום דרוק. די זשורי איז באשטאנען פון די שרייבער: דר. נ. סווערדלין, יוסף מלאטעק, אברהם שולמאן, מ. שטיינגארט — פארזיצער דר. י. מ. בידערמאן.

די חברים גרופע פון יידישע טעאטער גראנד־פאלעי זיינען לעצטנס אויפגעטרעטן מיט גרויס דערפאלק אין מאנשעסטער און אין וועסטקליף.

מר דולה, דעם יידיש און העברעאישער האנט־זעצער וואס איז געגאנגען אויף פענסיע נאך א סך יארן אין נאראד פרעס, ווינטשן מיר אים נאך א סך גוטע געזונטע יארן.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7 (העפט 439) ניין און צוואנציקסטן יאר יולי 1968 לאנדאן

## די עתיקה — ירושלים

נישט פאראן קיין ווארט אין אונזער לשון, וואס זאל זיין אזוי פערלדיק באהאנגען און סאמעטן און אטלעסדיק פארשלייערט מיט פאלקלאר, ווי דאס ווארט ירושלים. אין בײדע תלמודים און מדרשים זיינען די אגדות איבער דעם ווארט די וואונדערלעכסטע און ערשט ווי אינערלעך פארטיפט ס׳איז אין אונזערע תפילות יוצרות און פייט, און ווי עס וויינט ארויס פון אונזערע סליחות און קינות. ס׳איז נישט נאר דער זכר לחורבן און די בענקעניש נאך גאולה — ס׳איז פיל טיפער!

דאס ווארט ירושלים, — דער פארכשופטער קלאנג בלויז: י־רו־ש־ל־ים! — איז דער סימבאל פון שלום, פון פעלקער שלום און פונם אדם השלום.

דאס ערשטע מאל ווי דאס ווארט ווערט דערמאנט אין ספר בראשית איז דער מלכי צדק מלך־שלם אקייגנגעגאנגען אברהם אבינו׳ן מיט ברויט און וויין נאך א געווינענעם ערלעכן קריג אפצוראטעווען דעם נפש פון זיין געפאנגענעם פלימעניק, לוט, שליסנדיק שלום מיט די מלכים ארום.

צי דער מקום קדוש אין דער עיר עתיקה איז טאקע דער פלאץ פונם אבן־שתיה, דער פארשטיינערטער אוראטאם פון וועלכן גאט האט באשאפן די וועלט? דער שטיין אויף וועלכן אברהם האט יצחקן געבונדן צו דער עקדה? דער שטיין יעקבן צו קאפנס, א פאראייניקטער פון די קריגערישע שטיינער, אויף וועלכן די חלום־לייטער שטייט, ווו מלאכים זיינען עולים ויורדים? בכל אופן איז עס דער אנהייב פון אונזער מאנאטעאיסטישע מיטאלאגיע —

דער מקום קדוש פונם הר־הבית איז דער שיר־המעלות פון אונזער פאלק, דער פזאלם־געזאנג פון אלע פעלקער און אלע מענטשן־קינדער.

לויט דער יידישער מסורה איז דער פלאץ פונם הר־הבית, דער מקום פונם ערשטן כריתת־ברית, פונם שלום־אפמאך צווישן מענטשן און ער איז געהאלטן געווארן און נישט געבראכן געווארן —

ווען די יידישע שבטים האבן איינגענומען די ירושה־לענדער פון כנען און אויסגעהרגעט די זיך אקייגנשטעלנדיקע פעלקער עד חרמה, ארומרינגלענדיק ירושלים פון אלע זייטן זיינען, זיי שטיין געבליבן ביי דער חומה, ווייל אברהם האט געשלאסן א כריתת־ברית מיט אבימלכן, און דארט אויף דעם בארג האט געוווינט דער יבישי — דאס אור איניקל פון אבימלכן. „לא תבוא הנה״ (שמואל ב.ה.ו.) טייטש ר׳ ירושיע בן לוי „יכולים היה אלה שלא

היה רשאין", דוד האט געקענט איינגעמען נאר האט נישט געוואלט איבערן שלום־אפמאך צווישן אברהמען און אבימלכן. ביז לסוף האט ער אפגעקויפט דעם פלאץ פאר פופציק שקלים (שמואל ב. כד.כד.)

נישט ווייניקער „לפי חרב" האבן די שבטים אליין צווישן זיך ארומגע־קריגט, בעיקר די צוויי די דינאסטיע־שבטים יהודה און בנימן. נאר צו דער־מאנען: די אויסטערלישע הריגה פון פלגש בגבעה און די מעשה עכן! און דוקא די צוויי וואס זייערע נחלאות זיינען געווען פון ביידע זייטן ירושלים, דווקא זיי זיינען פעאייניקט געווארן צום אייביקן יידישן פאלק און די אנדערע די אפגעשניטענע זיינען אינגאנצן פארשניטן געווארן — די שלומדיקער און רעכטלעכער אקט פונם אפקויפן דעם פלאץ האט זיי פאראייניקט.

און ווי סימבאליש: ארום 600 מאל איז דאס ווארט ירושלים דערמאנט אין תנ"ך, אבער תמיד אן א ייד, חסר, ירושלם. שלמותדיק, יי־רו־ש־ל־ים, ווערט עס דערמאנט נאכן ערשטן חורבן, דערמאנענדיק גלייכצייטיק אין זעלבן פסוק, די פארשטייער פון ביידע דינאסטישע שבטים: „איש יהודי היה בשושן הבירה ושמו מרדכי בן שמעי בכיש איש ימיני, אשר הגלה מירושלים עם יכניה מלך יהודה (אסתר ב.ו.) ווו דער סימבאלישער אות וואו פעראייניקט דעם „איש יהודי" מיטן „מלך יהודה", דעם אין גלות געבוירענעם יהודה מיטן סאברע בנימין.

סימבאלן און אגדות זיינען טאקע נאר מיטאלאגיע און פאעזיע, אבער זיי האבן אין זיך דעם רעאלן אור־יסוד ארום וועלכן זיי הענגען זיך ווי פערל־שנורן ארום האלדז פון דער כנסת־ישראל — פון די שכינה הקדושה. — דעם מקור פון אייביקן שלום.

## אין די בין המצרים - טעג

די נפילה... (צייט באלאדע)

די שמחה וששון ביי דער כותל מויער,
מען האט די תקיעה גדולה געהערט שאלן;
די גאר געוואלטיקע, גרויסע גדולה פרייד,
די חדוה צומאל ביים קל־שבקלן.

„איר וועט ארומגיין און שפרינגען ווי די קעלבער"!*
ממש אזוי איז זי מקוים געווארן,
די לעצטע נבואה פון „והשיב לב אבות" —**
זקנים־רבנים, אלופים־מאיארן,

טאנצן א הארא־ראד, אן עגול־קאראהאט,
א געניעראל מיט ספר־תורה אין מיטן;

* מלאכי ג.כ. ** מלאכי ג.כב.



ס׳ציטערט די גאנצע ערד אונטער זייערע פיס,
דער הימל ראזשינקעס און מאנדלען טוט שיטן.

בלויז ווען דער סאטמארער אין ניויארק געהערט ער האט
ס׳ישראל חייל ירושלים גענומען,
אומגעהאריש אויסגעשריגן נישט מיט זיין קול:
און איך וועל ווארטן ביז משיח וועט קומען.

און מיט הייליקן קאלערס ניגון „וואלד, א וואלד",
האט עס אנגעהויבן אין אים צו קלאגן:
די כותל? כ׳האב פיר ווענט אין מיין יחוד־שטוב,
ווו מיין קאפ איך קאן טאג און נאכט אין זיי צעשלאגן.

„לא תעלה בחומה"! האט דאך גאט געשווירן,
וויקלט ער זיך אין תכלת־טלית אין טרויער,
און צעווייקט אין זיינע זידיק הייסע טרערן,
צעגלאנצט אויפן שולחן דער אפענער זוהר —

אן דער וואו, אן די זעקס מיליאן יידן,
מאכט עס נישט חומה נאר כביכול — חמה!
א פינסטערער שוידער גייט דורך זיין געביין,
און עס ווארפט מיט אים א ווילדע וויסטע אימה.

גאט, צי מיינט „אחרית הימים", חלילה,
ווידער זיך נעמען שווערדן שמידן און שארפן?
מיגס און מיראזשן און אונטערוואסער־שיפן — —
השם ישמרינו, אטאם־באמבעס צוווארפן!

„קאקאש מאי"! דעם האן אויפן דאך ארויסלאזן,
דעם גאנצן כדור־ארץ שוין צו פארברענען,
און אין פייער־פלאמען הימליש־אויפגייענדיק,
אזוי־א גאט ברוך הוא דיך צו דערקענען?

„לית אתר פנוי מני" — — מלך העולם,
פאר שרעק איצט מיט דיר אונטער א וואנט פארקריכן?
„לא אזוז מפה" כ׳וועל מיך פון ארט נישט רירן,
ביז מיר וועלן אלע אקייגן גיין משיחן —

אלע, אלע מענטשן־קינדער, אלע אומות,
אפילו די חיות רעות וואס פארציקן — —

„לתקן עולם במלכות שדי״, וויינט אין אים,
פאר דער גאנצער וועלט צו געפינען א תיקון.

א סטאדע וועלף וואלטן געוואיעט אין וויגע־ווינט,
אין וויסטן מדבר לייבן וויסט זיך צעברילן,
און ער שטייט שפלדיק א שעפעלע פארגאט,
תפילהדיק געהילט אין טלית און תפילין —

יידיש בלוט פארגאסן שוין ווי ימים די ערד,
אז ווערן עס זאל מלאה הארץ דעה —

— — — — — — — — — — — — — — —

די פיר וועט פון זיין ייחוד־שטוב יאמערן מיט,
יללהדיק ער נעמט זאגן תיקון־לאה:

מה לי הכא, מה לי התם, דא די דארטן,
אויב א ייד פון גאט בריך הוא וויל אנטלויפן;
שויתי אדושם רבונו דעלמא כולא, פון אלע מענטשן,
אומעטום און תמיד און בכל־האופן — — —

לא אזוז ממקומי, מען קאן זיין אין גלות,
און הויך אין ירושלים ארומשוועבן!
און ווי גלותדיק, ווי ירודהדיק א ייד,
אין ירושלים של מטה מ׳קאן לעבן.

אבער צי איז דען פאראנען אן עליה,
אן קדישת ירושלים של מעלה?
„שכינה, א שכינה״! און אנידערגעפאלן ר׳איז,
אין מיטן אן אומגעהייערישע יעלה —

— — — — — — — — — — — — — — —

ווי יעקב מיטן מלאך ביים מעבור יבוק,
מיט גאט געראנגלט דער סאטמארער ר׳ יואליש;
אמת ס׳איז קול העם כקול שדי,
משיח־געוויין אין קייטן ס׳קאן זיין א קול איש.

דרויסן דער ווארטנדיקער עולם פאר דער טיר,
געהערט א פאל, געהערט ס׳איבעררייסן פון ניגון,
און ווען די טיר פון יחיד שטוב אויפגעריסן,
מיט שוים אויף די ליפן מ׳האט אים געפינען ליגן.



נ.ב.
וועגן יענער גרויסע נפילה פונם חוזה,
ווען מ׳האט אים געפינען הינטער דער וואנט ליגן,
האלב פעחלשט, א צעביילטן, צענזוקטן,
מיטן הייליקן זידיטשויווער זיך קריגן:

(אדורכגעריסן געווארן ס׳איז דער עגול,
וואס געצויגן מיט השבעות ארום שטן;
גיכער צוצואיילן די טריט פון משיחן,
פונם בן דוד — — ס׳איז די דריי נישט געראטן.)

וואס בין איך דען שולדיק אז דער קאלער צדיק,
מיט זיין קאקאש־מאדזיאריש ארייגעפאלן!
און וואס געקענט העלפן כוונות, רצופים,
שמות, שטיקער זוהר און מאמר חזלן.

וועגן יענער גרויסער נפילה פון חוזה,
שוין א צווייט מאל אם ירצה השם דערציילן;
זאל זיך נאר די ווונדן פון דער היינטיקער,
מיטן כל־יכולס הילף בקרוב אויסהיילן.

## גלות און גאולה

(דיאלאג אין צוויי לידער)

א.

רומל־טומל אין ירושלים,
אסיפות, קאנפערענצן, קאנגרעסן —
אויף הימל א יאריד! קאן מען אזא
צערידערטע רעדע דען פארגעסן:

„יא, אן א פארגרעסערטע עליה,
וויאזוי דען האלטן וואס פארנומען?
כאטש א מילאן פרישע יידן מוזן,
קומענדיקן יאר נאך ישראל קומען.

„מיט קושן רק די כותל קענען מיר,
די יונא־פארשטייער נישט סורפרייזן!
הערט, מיר ריידן מיט גוטן, ברודערלעך,
א, וואלטן מיר עס געקענט מיט בייזן״.

ב.

„אזנים לכותל״ — שטייט א ייד
און וויינט איר אין די אויערן אריין
אז יעדער ריזיקער שטיין אירער
ווי א מענטשלעך הארץ עס קאן צעגיין:

„אז ווי דער זיג זיך נישט אויסלאזן,
נאר שלום זיין אויף אלץ שוין באשטיין;
איז דאך דער גלות ייד צוגעוויינט,
דער שעיר לעזאזל תמיד צו זיין.

„פאר פרעמדע לענדער אנגעשטאנען,
פארוואס נישט פאר אייגענעם אנשטיין!
גאטעניו, אן גלות־עליה,
„הימלט״ דאך די כותל־וואנט אליין״.

### דער טאנץ: אויב נישט? נאך העכער!

מיר זיינען נישט די „קרייץ־פארער״־זיגער —
קיינמאל נישט ירושלים מיר פארלירן!
די כותל — דער פינדאמענט פונם טעמפל,
ווו גאט פון שלום גאנצע וועלט וועט רעגירן.

ווי בויען פייגל זייערע נעסטן?
מיט אונזרע ליפן פעסטיקן מיר די מויער!
אויב חלילה איצט פארלירן — — נישט נאר מיר,
די גאנצע וועלט פארהילט אין אבלות־טרויער.

### ביים שלום־טיש

מיט איין פארמאכט אויג גוט צו צילן א קויל,
אבער דעם שלום אינם פנים אריין,
מיטביידע אפענע אויגן מ׳מוז קוקן;
נישט בלויז אייגענע לאגע — דעם צווייטנס פארשטיין.

אויב דאס שלאכט־פעלד איז א שפיל פון וואלף און ציג,
מוז מען ביים שלום־טיש ווי ביים שאך־ברעט שטיין:
ווי ס׳גיט דער שטארקער די קעניגין פאראויס,
קאן דעם זיגערס הארץ נאכגעבעדיקער זיין.

דעם צווייטנס פיגורן כמעט אפגערוימט,
און דאך קאן מען שטיינבלייבן שך־מאט אליין — —



בלייבט טאקע קיין אנדער אויסוועג נישט איבער,
ווי ווידער אויפסניי נאך א רונדע צו גיין?

### דער הארא־טאנץ פאר דער מאסקווער־שול

ס׳וועט דער רוסישער ייד אין ישראל,
אויפגלאנצן א גילדענער קופאל,
פונקט ווי געוועזן ר׳איז פונדאמענט;
איז נישט געווען ערשטע עליה,
דער ביל״ו הארפאשניק־סטודענט?

האבן זיי נישט אויסגעטאנצט דאס לאנד,
מיט זייער נאקעט ציטערדיקן פוס,
פון קדחת־קראנקער ערד ארויס?
א לאנד מיט פרדסים און סאברעס —
אויף דארניקן קזשאק בליט רויט די רויז!

האבן די חבד״ניקעס געגלויבט,
אז מיט של־ראש אויף זייער קאפ,
וועלן זיי טאנצן ביים כותל־וואנט?
יא, ס׳וועט א יידישער קאמסאמאלץ נאך,
טאנצן דארט מיט רויטער פאן אין האנט.

די טאטעס דאס לעבן געגעבן,
און מיר איצט שטייען גרייט דאס צו טון,
אז פעלקער באפרייט, דער מענטש דערלייזט;
און וואס איז דער ייד? ס׳יידישע פאלק?
מיט אונז אין טאנץ גאנצע ערד זיך קרייזט!

### ס׳ליד פון שלום

קדושים, ששת ימי הנסים,
מיינט דאס מידה כנגד מידה?
ווארשעווער געטא־אויפשטאנד כותל־וואנט,
איז דאס דער פתרון פון דער חידה?

געווג קדושים, געווג גבורים —
פראסט־פשוטע איינפאכע יידן!
יעדער ביי זיין פאך, יעדער ביים ספר,
א לעבן פון ארבעט און פרידן.

„בזית אפך תאכל לחם"!
גן־עדן־ברכה צוריק ווערן;
אן קנאה־שנאה, אן שנאת־חינם,
און מלחמות ווען אויפהערן.

„איש תחת גנפנו ותחת זתו",
ווי אין דער תורה ס׳שטייט געשריבן;
אז דער ברודער שטיקל אייגנס נאר האט,
קיין גר יענער אין פרעמד געבליבן.

נישט מער קיין קין, נישט מער קיין הבל!
אלע בני־אדם — מענטשן ברידער,
ששת ימי המעשה — שבת־קודש,
זמן־חירותינו — ס׳ליד פון לידער.

### „ווי זאמד און ווי שטערן"

יא, ווי זאמד און ווי שטערן זיינען מיר,
פון יעטווידן שטורעם־ווינט פריש צעשפרייט;
זע ווי די מעטעארן פאלן מיר,
מקוים זיינען געווארן גאטס רייד.

א, אז וויפיל אונז נישט צונויפזאמלען,
דא און דארט א קערנדל בלייבן מוז,
און פון יעדן געפאלענעם שטערן,
ווערן אויסגעלאשענע שטיקער גרוז.

### „על חרבך תחיה"

...יענע ברכה, צומאל,
אן עשיו׳ן געגעבן:
„על חרבך תחיה",
אויף דיין שווערט זאלסטו לעבן,

מיינט נישט חלילה מארדן — —
בפירוש „תחיה" געשריבן!
ס׳שטייט דערפאר אויך נישט „עם",
„על" — „פיינט אויף בעטן זיבן,

„רחבותדיק גילדענע,
האלטן זיך אין איין קריגן,



אבער פריינט, צומאל אויף
א שווערד־שארף, בשלום ליגן".

### צו די פעלקער

אייער אייגענע שולד ס׳איז,
וועג אהיים צוריקגעפונען;
אויף שריט אן טריט, אומעטום,
אונזער בלוט זידיק גערונען.

האבן מיר נישט געבלוטיקט,
דורכן קווער־שניט פון די צייטן?
איבער גאנצן גלאבוס־ערד,
דורך אלע „לענגן" און „ברייטן"?

מיר באדויערן גאר נישט,
וואונדערלעך דער וועג געווען:
גאנצענע ביבליאטעקן.
אין אלע שפראכן צו לעזן.

און אין שליאד פון אונזער שריט,
נישט ווייניק פון אייך געגאנגען;
איצט א רגע רו ווילט זיך,
דאס איז אלץ וואס מיר פארלאנגען.

וואס, איר האט אונז נאך נויטיק,
דאס זאלץ פון דער ערד מיר זיינען?
ווי אין סדום פעלדז־פארגליווערט,
בלייבן אונזערע געוויינען.

מיר ווען צוריקקומען,
אויסרוען גלוסט זיך א ווײַלע,
ביים כותל, מאמע רחל,
ביי דער מערת המכפלה.

וואס ביי אונז א יאר טויזנט?
פאלג מיך א גאנג — דער ערד קיילעך!
זייט אברהם אבינו׳ן,
ציט זיך שוין דער הלוך־ילך.

י. ריכטיגער

# יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

## ביאליק׳ס אידיי וועגן קולטור

קורץ פאר זיין נפטר ווערן האט ביאליק געהאלטן א רעפעראט אין נהלל, אונטער דעם טיטל „אונזער קולטור ירושה“, פאר א סעמינאר פון שליחים צו די החלוץ ארגאניזאציעס אין דער דיאספארע. דער רעפעראט איז אפגעדרוקט אין די ביאליק־שריפטן רעדאקטירט פון י. י. שווארץ און איינע פון די טעמעס איז „יידישקייט און מענטשלעכקייט“. ביאליק האט זיך דערויף אפגעשטעלט וואס מיר באנוצן אין יידישן לשון די צוויי ווערטער צו פארטיילן אונזער טעגלעכע טעטיקייט. עס זעט אויס — זאגט ער — „ווי עס וואלט זיין עפעס א זאך וואס איז יידיש אבער ניט מענטשלעך, אדער מענטשלעך און ניט יידיש“.

אז די צוויי ווערטער זענען ניט סתם א פראזעאלאגיע, נאר זיי דריקן אויס א געוויסע פעסטשטעלונג, באווייזט ביאליק מיט דעם פאקט וואס „עס זענען געשריבן געווארן וועגן דעם ביכער, אפילו מיט דעם ספעציאלן נאמען „יידישקייט און מענטשלעכקייט“ און יעדן איז באקאנט בערדיטשעווסקיס געשרייען וועגן אינערליכן ריס“. ער זעלבסט האלט „אז אלץ וואס איז מענטשלעך איז ממילא יידיש און עס איז ניטא אזא צעטיילונג“. און ער פירט אויס — „אבער אזוי ווי עס געפונט זיך אזא טערמינאלאגיע אין אונזער לשון מוז מען אנגעמען אז ערגיץ אין אונזער לעבנסשטייגער איז פאראן א שוואכקייט, א קלקול“, וואס איז געווען די סיבה פון שאפן דעם דואליסטישן אויסדרוק.

אגב ווערט אין דער גמרא אנגערופן „דת יהודית“ אדער „יידישקייט“ נאר די אנגענומענע צניעות רעגלאמענטן פאר פרויען, וואס געפינט זיך ניט אין תורת משה. (כתובות ע״ב) אבער — ווי מען ווייס — האט מען אין די גלות לענדער אנגענומען אז דער טערמין „יידישקייט“ וויל זאגן „תורה אדער מצוות“ און דער טערמין „מענטשלעכקייט“ — אלעס אנדערע. ביאליק אנאליזירט דעם ענין מיט דער ווייטער ציטירטער דערקלערונג — „דער באגריף קולטור ביי יעדער אומה ולשון שליסט איין אלע פארמען פון לעבן, פון די נידעריקסטע ביז די סאמע העכסטע. נייען שיך — איז קולטור; נייען הויזן — איז קולטור; ערד ארבעט — איז אוודאי קולטור. אלץ איז קולטור, צוליב ריינע פארמעלע טעמים ווערט דאס איינגעטיילט אין מאטעריעלער קולטור און גייסטיקער קולטור“. דאס הייסט: ניט נאר טעכנישע טעטיקייט איז קולטור, נאר אויך רעליגיעזע, קונסטלערישע אדער וויסנשאפטלעכע טעטיקייט איז קולטור.

כדי בעסער צו באנעמען די דערקלערונג פון ביאליק דארף מען קודם כל פעסטשטעלן אז קולטור האט קיין שום שייכות ניט מיט ציוויליזאציע, וואס איז להיפוך פון דער אנגענומענער מיינונג אין דער יידישער גאס אז די פראזעאלאגיע „קולטור מענטש“ וויל זאגן „ציוויליזירטער מענטש“. אין אמתן



ווערט מיט דעם טערמין „קולטור“ אויסגעדריקט די אידיי פון „טעטיקייט“ אדער „שאפן און אנטוויקלען“: אלעס וואס מענטשנקינדער האבן געשאפן און אנטוויקעלט — פון אויסטשעשן דאס ערשטע פלינט מעסער ביז די איצטיקע קאמפליצירטע מאשינען; פון די פרימיטיווע קולטן ביז צו די היינטיקע רעליגיעס; פון די פארצייטישע מאלערייען אויף היילן־ווענט ביז צו דער מאדערנסטער קונסט און פון אבערגלויביקע פארשטעלונגען וועגן וועלט און מענטש ביז צו די קאמפיוטעריזירטע אדער עקזאקטע פארשונגען — ווערט אנגערופן קולטור.

און מיט דעם טערמין „ציוויליזאציע“ ווערט אויסגעדריקט די אידיי פון „גוטן־אטראקטער“, וואס איז פעסטגעשטעלט געווארן פאר יעדן מענטש כדי אנצוהאלטן אין ארדענונג די געזעלשאפטלעכע צוזאמענלעבונג. די געזעצן פון ציוויליזאציע האבן זיך פונדאמענטאל לגמרי ניט געענדערט זינט זיי זענען פארפאסט געווארן אין ערשטן קאדעקס, אליין נאר דער וואס איז ערלעך און ארנטלעך — גנבט ניט, רצחנט ניט, זאגט ניט קיין ליגן; באהאנדעלט שוצלאזע און היימלאזע מיט איינזען, אלטע, שוואכע, פרויען און קינדער מיט רחמנות און אזוי ווייטער — ווערט איצט, אזוי ווי אין דער פרימיטיווער צייט, באטראכט א ציוויליזירטער מענטש. די אומגעהייערע קולטורעלע אנטוויקלונג אין משך פון דער צייט האט ניט געמאכט דעם מינדסטן איינדרוק אויף דער ציוויליזאציע פון די מענטשנקינדער; עס איז איצט פארנען אומציווילזירטע קולטור־מענטשן און קולטורלאזע ציוויליזירטע־מענטשן ווי פארצייטענס.

דערויף קאן דער היינטיקער דור עדות זאגן — די גערמאנישע שטאמען זענען געווען, פאר דער לעצטער מלחמה, דאס העכסטע קולטור פאלק אין דער וועלט: אין טעכניק, רעליגיע, קונסט און וויסנשאפט האבן זיי פארנומען דעם אויבנאן צווישן די פעלקער. אבער מחמת דעם, וואס עס האט זיי געפעלט ציוויליזאציע — דער כח צו באצווינגען זייערע אוממענטשלעכע אינסטינקטן, איז זייער הויכע קולטור ניט געשטאנען זיי אין וועג אפצוהאלטן זיי פון באגיין דעם שוידערלעכסטן פארברעכן אין דער געשיכטע פון מענטשנמין. און די עטנעלאגישע פארשער האבן אויך באוויזן, מיט אויספארשן דעם לעבנסשטייגער פון פרימיטיווע שטאמען, אז מענטשלעכקייט אדער „גוטער־כאראקטער“ איז ניט אפהענגיק פון קולטור־מדרגה.

פאר א ביישפיל קאן מען נעמען דאס וואס זיי דערציילן וועגן דעם „וועדהאם“־שטאם אין ציילאן. מענער און פרויען פון דעם שטאם וואנדערן ארום אין די דזשונגעלס נאקיטע, אזוי ווי אדם וחוה פארן עסן פון עץ הדעת. זומער שלאפן זיי צווישן צווייגן אויף הויכעביימער, ווי מאלפעס, און ווינטער אין היילן. זיי זענען פלייש עסער, אבער זיי האבן ניט קיין סטאדעס פון שאף און רינדער, נאר זיי פאנגען ווילדע חיות. יעדע משפחה יאגט אין א באשטימטן שטח פון וואלד, וואס גייט איבער בירושה פון דור צו דור, און קיינער פארכאפט ניט א צווייטנס טעריטאריע. זיי זענען גאסטפריינדלעך צו פרעמדע און העלפן מענטשן אין נויט. מאנאגאמיע — האבן איין ווייב איז דער יסוד

פון זייער פאמיליע לעבן און די פרוי איז ניט ווייניקער הויפט פון דער משפחה ווי דער מאן. עלטערן באהאנדלען זייערע קינדער צערטלעך און די קינדער האלטן בכבוד זייערע עלטערן. („מענטשלעכע נאטור", לעקטשור ג. עליאס סמיט, קאנוועי האל 1927).

טאקע דערפאר, וואס קולטור איז דער סינאנים פון שאפן און אנטוויקלען — דאס הייסט — אלעס וואס דער מענטש טוט כסדר איבערבייטן, טראגט יעדע קולטור, צי אין טעכניק, רעליגיע, קונסט אדער וויסנשאפט, א נאציאנאלן חותם: זי ווערט צוגעשריבן צום פאלק וואס האט איר געשאפן און אנטוויקעלט. ציוויליזאציע, ווידער, וואס איז דער סינאנים פון א מענטש מיט א גוטן כאראקטער — פון מענטשלעכקייט, איז ביי יעדן פאלק און אין יעדע צייט דיזעלבע — דאס הייסט — די פארעם פון ציוויילזאציע איז אינטערנאציאנאל. דער אונטערשיד צווישן קולטור און ציוויליזאציע, ווי מען וועט ווייטער זען איז געווען דער אויסגאנגס און קאדינאלער פונקט פון ביאליקס רעפעראט.

ארויסגייענדיק פון אויבן אנגעוויזענעם שטאנדפונקט, אז יעדע קולטור האט איר נאציאנאלן חותם, טראכט ביאליק צו דערקלערן די סיבה וואס האט געפירט צו דער אידיי פון פארטיילן יידישע טעטיקייט אין „יידישקייט און מענטשלעכקייט". „מיר זענען געקומען אין די גלות לענדער — זאגט ער — ווען די גרונט־באדינגונגען פון קולטורעלן לעבן זענען שוין געווען צוגעגרייט דורך די איינגעבוירענע באפעלקערונג. אין בעסטן פאל האבן מיר ממשיך געווען די ארבעט, ווען אפילו מיט גרעסערע פעיקייטן זענען, אבער, מיר ניט געווען די שעפער פון ערשטער אחריות, ניט דורך אונזער איניציאטיוו, דורך אנהייב, מיט דעם כח צו נעמען אויף זיך די התחלה, דורך יסורים און לייד"...

די קולטור וואס דער ייד האט אנגעטראפן אין דער דיאספארע איז ווי מען זעט — געווען א פרעמדע, ניט א יידישע, ער האט דעריבער איר ארייגענומען אין דער אידיי פון טערמין „מענטשלעכקייט", ניט אין דער אידיי פון טערמין „יידישקייט". אזוי ארום איז דער טערמין מענטשלעכקייט ביי די יידן אין די גלות לענדער מער ניט בלויז געווען א סינאנים פון ציוויליזאציע, נאר ער האט איינגעשלאסן אין זיך אלעס וואס זייערע שכנים האבן געשאפן און אנטוויקעלט אין טעכניק, רעליגיע, קונסט און וויסנשאפט. אבער אין טעכניק, קונסט און וויסנשאפט האבן זיי געקאנט מיטהעלפן די ווייטערדיקע אנטוויקלונג און בלייבן יידן, ניט אין ליטעראטור אדער רעליגיע, האבן זיי די ספעציפיש יידישע קולטור טעטיקייטן אנגערופן מיט דעם טערמין יידישקייט.

דער קאמענטאר פון ביאליק וועגן דעם ענין איז אזוי — „אין גלות איז אונזער פארמעגן באגרעניצט אין תחום פון עכטע יידישע באדערפענישן, אין העברעיש, און שפעטער, ווען מיר האבן צוגעפאסט פאר זיך א לשון פאר אונזער געברויך, וואס האט אונז אפגעשיידט פון די ארומיקע שפראכן — אין יידיש. ווי אויך אין רעליגיע, ווען מיר האבן געגעסן ברויט, איז אויב מיר האבן געמאכט א „מוציא" איז דאס עסן געווען „יידיש", אויב סתם געגעסן — איז דאס געווען „מענטשלעך", אויב שבת געגעסן קוגל — איז דאס געווען



יידיש עסן, אויב אין א וואכן־טאג איז עס געווען מענטשלעך עסן ניט יידישעס. אזוי איז דער דאזיקער שטריך דורכגעגאנגען אין יעדע זאך, אויב ס'איז ניט געווען עפעס ספעציפיש יידיש איז עס פלוצים געווארן מענטשלעך".

די יידישע קאסמאפאליטיקער אין דער דיאספארע האבן פרובירט אויסצומענטשלען אויך דאס, וואס ווערט אנגערופן „יידישקייט", מיט אומבייטן די לשונות — העברעיש און יידיש— אין דער היים און אין דער סינאגאגע אויף די שפראכן פון די לענדער וו זיי וווינען. זיי זענען געווען איבערצייגט אז זיי קאנען אויך פארוואנדלען דאס לעצטע ביסל „יידישקייט" אין „מענטשלעכקייט" און זיין גראד אזוי ווי אלע אנדערע רעליגיעס — ווי די פארשידנע קריסטלעכע, איסלאמישע, בודהאיסטישע און אזוי ווייטער — אבער זיי האבן געהאט א טעות, די אויבנדערמאנטע רעליגיעס, כאטש זיי זענען געשאפן געווארן צו זיין קאסמאפאליטיש האט זייער נאציאנאלע אנטוויקלונג אין יעדן לאנד געגעבן זיי א ספעציפישן חותם פון לאנד, מכל שכן נאך די יידישע רעליגיע, וואס איז בכיון געשאפן געווארן צו זיין א נאציאנאלע, איז זיכער ניט מעגלעך צו מאכן פון איר א קאסמאפאליטישע.

דאס וויל בשום אופן ניט זאגן אז יידישקייט און בפרט די יידישע רעליגיע איז מער שאוויניסטיש ווי די אנדערע, להיפוך די געשיכטע זאגט עדות אז יעדע פון זיי האט ניט נאר מיט פייער און שווערד געצווינגען פרעמדע — אנדערשגלויביקע אנצונעמען זייער אמונה, נאר זיי האבן אויך געפירט בלוטיקע מלחמות אין די אייגענע רייען. בעת דער לייט־מאטיוו און, אין אפאזיציע צום עקספלואטאציע סיסטעם פון אלטן מצרים, דער יסוד פון תורת משה איז — „וגר לא תונה ולא תלחצנו כי גרים הייתם בארץ מצרים" דעם פרעמד־גלויביקן וואס וווינט אין אייער לאנד זאלט איר ניט ארייננעארן מיט גוטע רייד און ניט צווינגען מיט ברוטאלישער קראפט אנצונעמען אייער אמונה, ווייל פרעמדע זייט איר געווען אין לאנד מצרים. (שמות כ"ב)

עס איז אויך ניט אמת אז תורת משה האט געפרעדיקט סעגרעגאציע אדער ראסן־האס, ווי די שונאי ישראל באהויפטן, וואס תורת משה האט באפוילן די בני ישראל ניט חתונה האבן מיט געוויסע פעלקער, בעת זיי האבן געמוזט קעמפן מען זאל זיי צוריק ארייגלאזן אין זייער ירושה לאנד, איז דער פארבאט ניט געווען וועגן די פעלקערס נידיריקן אפשטאם אדער וועגן די פארב פון זייער הויט, נאר וועגן זייער פארברעכערישקייט און פארדארבענקייט אין יענער צייט, וואס די בני ישראל האבן נאך עטלעכע דורות געזוכט צו פארגעבן און פארגעסן. די בני ישראל האבן געגלויבט, נאך דער באפרייאונג פון מצרישן בית עבדים און וואנדערונג דורך דער ווילדער מדבר, אז זיי וועלן זיך דערגענטערן צו די גרעניצן פון זייער היימלאנד וועלן די פעלקער, וואס זענען זייערע קרובים און געבליבן אין לאנד, אויפנעמען זיי מיט אפענע ארעמס, אבער זיי האבן זיך טועה געווען.

די עמלקים און די כנענים זענען אנגעפאלן אויף זיי ווי רויבפייגל, געפאנגען גענומען און פארצוקט זייערע שוואכע און קראנקע, וואס האבן נאכגעשלעפט זיך מיט די לעצטע כוחות נאך דער מחנה. אנדערע ווידער האבן

מיט שווערדן אין די הענט ניט געלאזט זיי דורכגיין זייערע לענדער צו דער־גרייכן זייער היימלאנד און עטלעכע האבן פארשווארצט דעם פנים פון זיי מיט ליגנערישע פראפאגאנדע. א ביישפיל איז דער איסור אין תורת משה פון „לא יבא עמוני ומואבי בקהל יי... עד עולם": די וואס שטאמען פון עמון און מואב זאלן קיינמאל ניט אריינקומען אין פאלק ישראל. די סיבה פון דער סעגרעגאציע איז ניט געווען ראסן־האס, נאר „על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים... ואשר שכר עליך את בלעם בן בעור לקללך": ווייל ניט קוקנדיק וואס זיי זענען געווען אייערע קרובים האבן זיי, אנשטאט אייך אויפצונעמען מיט ברויט און וואסער, געדינגען דעם גרעסטן אגיטאטער פון יענער צייט — בלעם בן בעור — צו פארשעלטן אייך; פאראומווערדיקן אייער אויפפירונג און לעסטערן אייער אפשטאם כדי אויפצוהעצן די ארומיקע פעלקער קעגן אייך. (דברים כ"ג)

אז די עקלדיקע פראפאגאנדע, פון עמון און מואב, האט די בני ישראל מער פארדראסן און ווייי געטוען ווי די בלוטיקע אנפאלן און מלחמות קעגן זיי פון אנדערע פעלקער, זענען עדות די באפעלן אין תורת משה קעגן די אנדערע פעלקער. תורת משה האט געזאגט — „לא תתעב אדומי כי אחיך הוא, לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו": זאלסט ניט פאראומווירדיקן דאס אדומישע פאלק, כאטש מיט דער שווערד האט ער דיך אוועקגעטריבן פון זיין גרעניץ, אבער ער איז געבליבן דיין ברודער און האט דיך ניט באזידעלט, זאלסט ניט פאראומווירדיקן דאס מצרישע פאלק, כאטש דו ביסט דארט עקספלואטירט געווארן, אבער ווען דו האסט דארט געווינט האט ער ניט געשענדעט דיין נאמען. (דברים כ"ג)

אבער אויך דער איסור קעגן עמון און מואב, וואס דער באפעל פון תורת משה איז געווען אנצוהאלטן אויף אייביק, האט מען עטלעכע דורות שפעטער מבטל געווען. דער בית דין פון שמואל הנביא האט אנגעהויבן צו רעדוצירן דעם פארבאט מיט דערלויבן אריינצונעמען אין פאלק ישראל פרויען פון עמון און מואב, און עטלעכע דורות דערנאך איז אויך דער איסור לגבי מענער פון עמון און מואב צוזאמען מיט די איסורים קעגן אלע אנדערע פעלקער בטל געווארן. אזוי ווי דער מלכות אשור, וואס האט חרב געמאכט דעם מלכות ישראל, האט אסימילירט — אויסגעמישט די אונטערטעניקע פעלקער, האבן די חכמי התלמוד געפסקנט אז אין דער צונויפמישונג זענען אלע אריגינעלע פעלקער, איינגעשלאסן עמון און מואב, פארשווינדן געווארן און דערפאר מתיר געווען אריינצונעמען אויך די מענער פון עמון און מואב אין כלל ישראל. (ברכות כ"ח).

דער איצטיקער קיבוץ גלויות אין מדינת ישראל, פון יידן מיט פיזיאנאמיעס פון אלע פעלקער, ראסן און הויט־פארב, זאגן עדות, אז דאס יידישע פאלק האט אין די גלות לענדער שוין לאנג זיך משדך געווען מיט יעדן פון זייערע שכנים. פאקטיש איז די יידישע סעגראנאציע א רעליגיעזע, ניט א פיזישע און ווער עס וויל געהערן צום יידישן פאלק, קיין אונטערשיד פון וועלכן פאלק, ראסע אדער הויט־פארב, ווערט אנגענומען. יידישקייט איז דעריבער אוודאי מער



מענטשלעך ווי ניט־יידישקייט, נאר די סיבה פון דער צעטיילונג איז דער גלות ווו עס איז דא אן אונזער און זייער. ווי ביאליק פירטאויס „דא אין ארץ ישראל באקומט דער באגריף קולטור זיין פולן באדייט, אלעס ווערט געשאפן דורך יידישע הענט, מיט זייער אייגענעם כח און כלים. מיט דעם כח פון זייער ליטעראטור, מיט דעם כח פון זייער אייגענער וויסנשאפט. דאס פאלק, על פי רוב, טראכט ניט אין אבסטראקציעס, עס האט פאר זיך בלויז דאס, וואס זיינע אויגן זען. אז דער ייד זעט אלץ וואס ווערט געשאפן איז א פראדוקט פון יידן גופא — פארשטייט ער ממילא אז דאס איז יידישקייט און די שכינה רוט אויף דעם. דאס איז דער באגריף פון יידישע קולטור"...

## יוסף לעפטוויטש

### אותיות

האלט די אותיות פעסט,
האב זייערע פארמען און זין.
ווי זיי דרייען זיך און ראנגלען,
ביז א ווארט שאפט זיך דערפון.

די אותיות זענען לאמפן
וואס הענגען ביים טויער,
און באלייכטן דעם איינגאנג,
ביי דער פינסטערער מויער.

ס'העלט אויף א ליכטיקייט.
אט עפנט זיך א טיר.
די לופט ווערט פול מיט תפלה,
מיט לויב־געזאנג און מיט שיר.

האלט די אותיות פעסט,
לאזטו זיי ארויס אויפן וועג,
ווערן זיי א פראגע־צייכן,
און די מוזט ענטפערן זייער פרעג,

אזוי ווי יונה'ס געבעט,
אזוי ווי איוב'ס פלאגעריי,
אזוי ווי מלך שאול'ס ווייטאק און לייד,
וואס ער האט ניט געקענט אויסהאלטן פון זיי.

האלט זיך פעסט ביים אלף,
טאמער געפינט ער דעם בית,

וועט אים, דיין טויטער טאטע,
קומען פון דיין זכרון ארויס.

אז צום אלף קומט א נון,
און דערנאך אויך א יאד, (ייד)
האסטו נאר זיך אין זין,
און דאס איז א שאד.

זוך דערגיין דיין באדייט,
צו געפונען דיין מיין,
אין יעדן אות
וואס איז פארטרעכט מיט געוויין,

מיט די טרערן וואס דיין טאטע
האט געלאזט פאלן אויפן בלאט,
מיט דעם טייטש וואס ער האט אריינגעשריבן
אין דעם קלארן פשט.

ח. נ. בענקוויטש

## דויד מיכאלעווסקי און יודל ראדנאנסקי

אייגנטלעך האט מען אים גערופן דאדזשיע — זער א דיקער. דעם צווייטן האט מען גערופן יודל מיטן אויערריגגל, ווייל ער האט געטראגן א רינגל אויף זיין לינקן אויער. דער ערשטער איז געווען א מענער־שניידער, דער צווייטער א דאמען־שניידער.

אמתע גוטע פריינט זענען זיי געווען, אבער שטענדיק זיך געקריגט און זיך געשאלטן איינער דעם צווייטן מיט ביטערע קללות; נאר ניט געפערלעך. געווען זענען זיי חברים: דער ערשטער מיט א גרויסער פאמיליע, זעקס קינדער, און דער צווייטער אליין. זיין פרוי און קינדער זענען נאך אין רוסלאנד.

ביידע — פרומע יידן, אבער יודל גאר אן אפגעהיטענער, יום־כפור אין שול זיך ניט צוגעזעצט, נאר פלעגט שטיין דעם גאנצן טאג און פלעגט מתפלל זיין מיטן גאנצן הארצן.

פרייטאג־צו־נאכטס קומען זיי, מיט נאך עטלעכע יידן צו אונז אין הויז אריין און מיין פאטער ז״ל לערנט מיט זיי די פרשה השבוע. ביידע ארבעטן אין דער וועסט־ענד גוטע ארבעט. שבת האבן זיי ניט געארבעט. ביידע קומען פון נאווא־זשיבקאוו, רוסלאנד, און אזוי ווי מיין פאטער איז געווען א מלמד אין יענער שטאט האלטן זיי אים פאר א לאנדסמאן. דאס איז געווען יודל, וואס האט איבערגערעדט מיין פאטער צו קומען נאך לאנדאן.

ביידע חברים האבן זיך אויפגעלאכט פון „היי־העטס" און אפגעלאכט פון



די רייכע לייט, זייענדיק אליין טאקע ניט רייך. אבער יידן ווי מיין פאטער פלעגן טאקע יא טראגן „סילק־העטס" און „פראק־קויטס" שבת און אייניקע אפילו אין דער וואכן.

ויהי היום עס ברעכט אויס א מלחמה צווישן ענגלאנד מיט אפריקע. האבן זיך אפגעשטעלט פיל געשעפטן. יענע יארן פלעגט מען שיקן פון ענגלאנד פארטיקע קליידער. אין אלגעמיין איז מערסטנטיילס יידן געווארן שלעכט. אונזערע חברים בלייבן אן ארבעט, און דא הויבט זיך אן א נייע מעשה. עס גייט א קלאנג, אז מען גיט ארויס ארבעט צו מאכן זעלנערישע הויזן און מען צאלט עלף פענס פאר מאכן א פאר.

אונזער דאדזשע גייט און נעמט ארויס יענע ארבעט. א שניידער־מאשין האט ער געהאט, געצאלט א שילינג מיט זעקס פענס א וואך און א „פעקטארי" האט ער אויך שוין געהאט.

עס איז ווערט צו באשרייבן וויאזוי אין יענע יארן האט מען געוואוינט און אין וואס פאר א אומשטענדן מען האט געארבעט. ערשטנס, וואו די כעקטארי געפינט זיך. אנטקייגן איבער וואו עס איז געווען די ווייטשעפל טשערטש איז דא א „קאורט", וואס שניידט דורך צו אלד־מאנטאגיו סטריט. עס הייסט נאך ביז היינט „גרין דראגאן יארד". דער אריינגאנג איז אזוי שמאל, אז נאר צוויי מענטשן קענען דורכגיין. נאר אביסל ווייטער איז שוין ברייטער און אויף איין זייט זענען דארט געווען דריי־שטאקיקע הייזער, און אינמיטן איז געווען אויסגעשטעלט „בערעס". און די עטלעכע הייזער, איז איין הויז געווען פארנומען פון א מלמד, וואס האט געהאלטן דארט א חדר צום לערנען און אין זעלבן חדר איז געווע ן א שול. נאך א הויז האט פארנומען א שניידער. מען האט אים געהאלטן פאר א רייכן און א גוטן בעל־מלאכה. ער האט זער שווער געארבעט, פולע זיבן טעג א וואך.

אין איינעם פון זיינע צימערן האט געוואוינט ר׳דויד מיט פינף קינדער. און דא אין אט דעם צימער האט ער אנגעהויבן צו ארבעטן און זיין פרוי האט אים געהאלפן. מ׳האט געארבעט טאג און נאכט אפאר חדשים, און נאכהער האט ער געמאכט שותפות מיט יודל און גענומען א „ווארקשאפ" אין א קעלער אין פראסטיק־פלייס. זיי האבן אריינגענומען ארבעטער און האבן גוט פארדינט און געווארן רייך; וואס עס האט דאמאלסט געהייסן רייך.

איצט האבן די ביידע חברים שוין זיך אנגעטון „היי־העטס" מיט „פראק־קויטס" און זיך פארנומען אין שול די שענסטע „סיטס" און אויסגעקויפט די שענסטע און בעסטע עליות און געווארן גאר גרויסע מענטשן און רייכע יידן. און פונקט ווען זיי זענען שוין געווען על ראש הפסגה ענדיקט זיך די מלחמה. עס ענדיקט זיך די ארבעט און אונזערע העלדן־חברים בלייבן אן פרנסה.

מילא, יודל אליין אן פאמיליע איז נאך ניט אזוי שלעכט, אבער ר׳דויד מיט א גרויסער פאמיליע און א רייכער ייד, פאסט אים ניט גיין צוריק ארבעטן ביי יענעם. איז ער זיך מישב און פארט צוריק נאך רוסלאנד. ערשטנס, האט זיך אים געוואלט ווייזן אין זיין אלטער היים זיין רייכקייט און מיט אזויפיל

געלט האט ער געהאפט צו מאכן גרויסע געשעפטן. זיין רייכקייט איז מן־הסתם באשטאנען העכסטנס פון צוויי הונדערט פונט. עס האט אבער ניט גענומען לאנג און ער איז געקומען צוריק ארים, ביטער. האט גענומען ארבעטן און געלעבט ארים. אבער עטלעכע יאר שפעטער האט זיין עלטסטער זון חתונה געהאט, געווארן רייך און געהאלפן דעם פאטער עד יום מותו. ר׳יודל ברענגט אריבער זיין זון און טאכטער. זיין פרוי האט ניט דערלעבט צו קומען קיין לאנדאן. ער האט דא ווידער חתונה געהאט און געלעבט אין רו ביז זיין צווייטע פרוי איז געשטארבן. נאכהער איז ער אליין געשטארבן עלנט און ארים און פארביטערט.

דאס איז געווען דער סוף פון אט די צוויי חברים.

## עלע זילבערג

### זאג דאס דו בענקסט

זאג דאס דו בענקסט,
נאך דעם אווענט אין מאי,
ווען מיר האבן צוערשט זיך געטראפן,
זאל זיין ס׳איז א ליגן,
נאר כ׳וועל גלויבן אין דיר,
מיט גלויבן איז לייכטער צו האפן.

ווי קאן מען אויסלעשן,
א גליקליכע צייט ?
אומעגלעך קאן ים אויסצוטרינקן,
ווי קען מען פארגעסן,
א שבועה צו גאט ?
צו ליבן, צו ערן, צו באגליקן.

ניט טעג און ניט יארן,
וועלן אפמעקן דיין בילד,
פון דעם כ׳וועל קיינמאל ניט ענטרינען,
צו דא אין דער היים,
צו אין א ווילד פרעמדע לאנד,
כ׳וועל תמיד דיך האלטן אין זינען.

## שמואל וואהייט

### ה א ס

די ליפען וואס האבען מיך געקושט,
זיי האבן געזאגט אז זיי האסען ;
אויב קישען הייסט האסען — — איך שווער,
איך וויל די זאלסט מיך האסען וואס מער . . .



## א. נ. שטענצל

### עלזע לאסקער - שילער

1

פון וואנען זי האט אין די פאר שעה אויסגעפונען מיין אדרעס, האב איך נישט פארשטאנען. האט זי גענומען אן אדרעס־בוך פון פאטסדאם, אויס־געזוכט אלע פאנסיאנען און אנגעקלונגען ביז זי האט דעם ריכטיקן געפונען ? האב איך אדלערן געגעבן דעם אדרעס און פון אים האט זי אים באקומען ? אזוי צי אזוי, קוים געכאפט דעם ערשטן שלאף, מיך לייגנדיק נאך דער לאנגער וואך־נאכט, ווען ס׳איז שוין געווען גרויסער טאג, קלאפט עס אין טיר : „הערר האמיד, זי ווערדן צום טעלעפאן גערופן !“

איך טשוכע מיך אויס, אויפן טיש ליגט צעווארפן דאס ליד און פאר די אויגן די שנעל־אנגעווארפענע צייכנונג „האמיד“. כ׳כאפ שנעל די הויזן און לויף צום טעלעפאן.

„מיין ליבער האמיד“, הער איך א שטימע פון א פארפיעשטשעט קינד, וואס בעט זיך און מ׳קאן אים נישט אפזאגן ; עס איז אזוי דינינק דאס קול, אז אט איבעררייסט עס זיך און ס׳וועט אנהויבן צו שרייען : „דו מוזט קומען, עס איז פאבלהאפט, עס איז געניאל“.

דאס ווארט „פאבלהאפט“, וואס איז אין דעם קורצן טעלעפאן־געשפרעך פארגעקומען זיכער א צען מאל און געקלונגען נאך רירנדיקער, האב איך אינגאנצן נישט פארשטאנען. וואס איך האב דאך פארשטאנען, איז נאלענדארף־פלאץ־טעאטער איז א פילם־פרעמיערע פון א שטיק פון טשארלי טשאפלין. איך מוז אומבאדינגט דאס שטיק זען. „ס׳איז פאבלהאפט“ ! דער אויסגעשריי האט געקלונגען אזוי הילפלאז בעטנדיק, און היסטעריש־שרעקעריש, ווי אט ווארפן זיך בעטנדיקע קינדער אויף דער ערד אנידער און נעמען רייבן מיט די קנאפלען פון די שיכלעך, אז דאס גאנצע הויז קומט זיך צוזאם.

איך האב איר געוואלט געבן צו פארשטיין אין מיין שלעכטן דייטש, אז אין א שעה ארום עסט מען דא מיטאג. איך וועל אפעסן און מיטן ערשטן צוג . . .

„ביסט דו מעשוגע ! דו וועסט קומען אנגעגעסן און פרינץ יוסף וועט זיצן אין קינא א הונגעריקער ?“

כ׳בין געבליבן שטיין ביים טעלעפאן א קוים אנגעטוענער, א נישט־געוואשענער, באמת ווי א צעדרייטער : וואסער פרינץ יוסף ? וואס טוט זיך דא ? שדים ווייסן וואס ? „פאבלהאפט“ ! צעלאך איך מיך און נעם מיך שנעל פארטיק מאכן און לויף, ווי עפעס א מין שד, צום צוג.

ארויס פון טשאפלין־פילם, קוים געהאט צייט צו טרינקען א טאסע קאווע און אריין באלד אין אן אנדערן קינא, וואו מ׳האט געשפילט א צווייטן טשאפלין־פילם.

נישט איך האב פארשטאנען דייטש צו קאנען לייענען און פארשטיין די אלע צושריפטן צו די שטומע, ווילד־משונהדיקע בילדער און נישט איך בין

אמאל געווען אין א קינא מיך אויסצוגעפינען און צו באנעמען דאס לויפנדיקע פון די געשעענישן. וואס איך האב מיך געקענט קאנצענטרירן אין דער שטומער טונקלקייט, איז עס געווען צו כאפן א בליק אויף אירע בארואיקטע אויגן, וואס האבן פריילעך און ממש פונקלדיק געלויכטן ווי ביי א קינד, וואס מען נעמט עס מיט צו א קאספערל־טעאטער און ביי יעדן פרישן בילד שפרינגט עס אנטציקט אויף — די גאנצע נערוועזע ווילדקייט איז ארויס פון די פעך־שווארצע, טרויע־ריקע אויגן, פון דער געשפיצטער אנגעשטרענגטקייט אין זיי.

ביים ארויסקומען אין דעם צעהיצטן בין־השמשות אויפן רוישיק־באלויכ־טענעם וויטנבערג־פלאץ האבן אירע קינדיש־באגליקטע בליקן מיך אנגעקוקט ווי איך וואלט אויך געווען אזא צווייט קינד, און איר שטימע האט ווי פאר־פיעשטשעט זינגענדיק געקלונגען: „וואס, האמיד, נישט איינפאך פאבלהאפט?"

האב איך דאך אויך עפעס געמוזט זאגן: „מיר קינדער אין חדר פלעגן זיך דערציילן א מעשה פון א יוסף לאקש, וואס האט זיך אנגעטון צוויי גענז אויף די פיס... דעם טשאפּלינס שפּילנדיקע פיס"...

„גענוג, פאבלהאפט, דאס ריכטיקע ווארט: יוסף לאקש, פאבלהאפט, יוסף לאקש... ווארט, דו מוזט מיר שפעטער אין קאפע דערציילן פון דעם יוסף לאקש... איז ער נישט געווען א פרינץ?"

„ניין, א רב איז ער געווען, א רבי".

„א ראבינער? א וואונדער־ראבינער זיכער!"

ווען כ'בין אהערגעפארן פון פאטסדאם, אויף דער באן האב איך געטראכט כ'וועל איר דערציילן, כ'האב איבער איר געשריבן היינט פארטאגס א ליד און עס איר פארלייענען. אבער זי אנקוקנדיק אצינד: עס איז דאך גארנישט געווען איבער איר —

א וויזיע, גליאיק־שוועבנדיק, איבערן פארבן־צעשפּילטן באגינען־הימל... אבער איך בין דאך אויך אן אנדערער! מיר גייען דאך ווי צוויי פון חדר אנט־לאפענע קינדער זיך אויסבאהאלטן אין ווייבער־שול הינטער דער פארהאנג זיך צו דערציילן די מעשה פון ר' יוסף לאקש מיט די צוויי גענז אויף די פיס... איך טראכט: דער טשאפּלין האט זיכער צוויי פלאט־פיס, ער שפילט אויס זייער אומבאהאלפנקייט... קראנקייט... דאס איז דאך קונסט!

פלוצלינג דרייט זי זיך אויס צו מיר און קוקט מיך אן מיט אפאר פארט־ראכטע, ווילד־פרעמדע אויגן:

„האמיד, האט ער ווירקלעך געזען גאט, דיין וואונדער ראבי? ער איז דאך געפלויגן אין הימל אריין... וואונדערבאר! ניכט וואהר?"

איך האב פארשטאנען, אז דער „וואונדערבאר!" „ניכט וואהר?" באציט זיך נישט מער אויף דער ר' יוסף לאקש־מעשה, וואס איך האב בדעה אין קאפע ווייטער צו דערציילן, נאר צו דעם וואס זי טראכט — דעם סוף מעשה, וואס זי האט שוין צוגעטראכט!

„פאבלהאפט"...

ווען מיר זענען צוגעקומען צום ראמאנישן קאפע, איז שוין געווען האלב טונקל, באשאטנט נאך פון דער מאסיווער קייזער־ווילהעלם קירכע, האט די



טעראסע מיט די עלעקטריש־צעצונדענע לעמפּ אויסגעזען יום־טובדיק — נאך דעם הייסן, מי־שלעפנדיקן זומער־טאג האט זי געוויסט ווי א בינשטאק.

דערזעענדיק די צוויי־דריי „יידישע טישלעך" און דערשפירנדיק אויף מיר שניאורס פארבליפנדיקן „הזאת נעמי", און ס'האט מיך געגעבן א צי צו אים, האב איך דערשפירט א צי ביים ארבל: „לאס אים, דעם לומל". און מיר זענען אריין אינעווייניק אין קאפע צום זעלבן ווינקל טיש ווי נעכטן.

אקייגנאיבער ביים זעלביקן טישל ווי נעכטן זענען געזעסן די דריי. זי האט דערשפירט מיין ווילן אויפשפרינגען און אין אירע אויגן, די זעלבע וואס נעכטן, טרויעריקע, זוכנדיקע, ווילד־דערשראקענע האבן מיך אנגע־קוקט: „יאנקל וועט שוין צוקאמען".

איך האב שוין געוואלט זאגן: ווייסט, איך האב היינט אין דער פרי, מיטן זונען־אויפגיי, געשריבן א ליד איבער דיר. עס הייסט „עלזע לאסקער־שילער"; איך האב שוין געטאפט דאס בייגעלע פאפיר עס ארויסצונעמען, איז אדלער צוגעקומען מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס: „פרינץ, איך קום מיך געזעגענען מיט דיר. איך פאר מארגן אין מיין קעניגרייך. צו מיינע ליליפוטן אין רהיינלאנד־וועסטפאלן".

„נעם מיך מיט, איך בין דאך די וואופערטאל־פרינצעסין" און איר פנים אונטער דעם ייִנגליש־געשוירענעם, שווארץ־צוגעגלעטן קאפּ האט אויפגע־לויכטן:

„זעסט דו, האמיד האט מיר דערציילט פון איין ווירקלעכן וואונדער־ראבי, וואס האט געזען גאט".

„מיר האסטו נישט געוואלט גלויבן", האט יאנקל זי ארומגענומען מיט זיינע ווארעמע, גוטע אויגן.

„יא, דיינער איז אזא שווארצער, א טונקעלער, א בייזער, אזא איינער —".

איך האב מיט נשתוממדיקע אויגן געקוקט אויף אדלערן בשעת ער האט מיר מיט זיינע אפענע, ווארעמע — לאכנדיק א פינטל געטון.

„בשעת דו רעדסט דא וועל איך דערווייל צוגיין", האב איך אים אנגע־וויזן אויף זיין טישל.

גלאטשטיינס שפּאטישע אייגעלעך האבן געפינקלט בשעת זיין אויסגעלאשן פייקעלע האט זיך געשאקלט אויף זיין אראפגעלאזטער, לאנגער טראמבע.

קולבאק האט זיך צו מיר געווענדט אביסל פרעמדלעך ווי אן עלטערער צו א יונגערן, וואס עצהט אבער בשעת מעשה מיט ישוב הדעת:

„גייט בעסער באלד צוריק אהין. זי קוקט שוין אהער אונז כאטש אויפ־צועסן. זי זעט שוין אויס ווי אן ערב־סקאנדאל".

און זיך אויסדרייענדיק צו גלאטשטיינען, אבער אזוי אז איך זאל נאך אויך גוט קאנען הערן: „דעם אבו האט זי שוין צורעכט געמאכט... ער איז פארטיק... ער האלט אין איין זאמלען זילבער צו גיסן איר קאפּ. טונקל זילבער מוז עס זיין, אנדערש וועט עס נישט זיין אדעקוואט". דאס ווארט „אדעקוואט", וואס איך האב נישט פארשטאנען, האט נאך דייטלעכער אויס־געדרוקט די לעכערלעכקייט...

איך האב מיך נאך שנעל צוגעכאפט צו שניאורס טישל אויף דער טעראסע מיך צו אנטשולדיקן.

„איר ברויכט זיך נישט צו אנטשולדיקן, זי איז אויך א גוטע משוגענע“.

דער מיט־זיצערביים טישל האט אים פארוואונדערט, כמעט בייזלעך, א קוק־אן געגעבן. שניאור האט באמערקט דעם בליק. ווייטער צו מיר גערעדט, אבער ס׳איז מער געווען, אז זיין מיט־זיצער זאל דייטלעך הערן — ער איז אריינגעפאלן אין זיין באריטאן־שטימע:

„אנטשולדיקט, דאס איז נישט קיין גראנד־דאמע, דאס איז א גרויסע דיכטערין... פונדעסטוועגן מעגט איר זיך ווידער אמאל אריינכאפן“.

ווען כ׳בין צוריקגעקומען, איז אדלער נאך אלץ געשטאנען ביים טישל און ווי נישט הויך און קיילעכדיק ער איז נישט געווען, האט זיין שטיין געווירקט ריטערלעך — ער איז געשטאנען פאר פרינץ יוסף!

דאס קאפע איז געווען כמעט ליידיק, נישט באלויכטן. דאס גערויש און די ליכטיקייט זענען אריינגעקומען, געשפענסטיש־געדעמפט, פון דער טעראסע. דורך דער דריי־טיר באווייזט זיך ווער, לויפט שאטנדיק אדורך, זוכנדיק עמיצן. פארבייאיילנדיק פאר אונזער טישל, גיט ער א צוק צוריק, גיט זיך שפיציק און טיף א פארבויג: „פרינץ!“ און איילט געשפענסטיק ווייטער.

פלוצלינג זענען ראשיק און זוכנדיק אריינגעקומען צו לויפן אן עלעגאנטער, הויכער און ברייטער מאן זומערדיק־עלעגאנט אנגעטון, מיליטעריש־שטראם אבער באלעבאטיש־נאכלעסיק, הינטער אים א דאמע א באלייבטע, א זומערדיק־צעפלאשעטע; אלע ווייבערישע טיילן האבן זיך נאר אזוי געוואקלט אונטער איר לייכט־זיידענעם, העל־פארביקן זומער־קלייד. אין זייערע אויסגעפרעגטע, מוסקולירטע־מאסאזירטע פנים־שטריכן האט מען דאך דערקענט זייער פארשוואומען יידישקייט און אז זיי זענען לייבלעכע שוועסטער און ברודער.

אין זייער בליק האט מען אויך געזען, אז זיי ווייסן שוין, אז דאס געזוכטע געפינט זיך זיכער דא — זיי זענען אריינגעקומען נישט דורך דער דריי־טיר, נאר דורך דער טעראסע און דירעקט צוקומענדיק צום ווינקל־טישל, האבןביידע אויף אנמאל פריידיק אויסגעשריגן: „אט זיצט ער דאך, דער פרינץ!“

מיך דערזעענדיק, זענען זיי א רגע פארבליפט שטיין־געבליבן! און איך מיט א מינע ווי מיך אויפצושטעלן, ווי מיך צו פארבויגן — ווי מיך אויפצוכאפן און צו אנטלויפן: וואס טוט זיך דא ארום מיר אינמיטן דער געשפענסטיק־רוישיקער, גרעל־צעליכטענער שטאט, געפאנגען ווי אין א נעץ פון שאטנס; וואס גייט דא פאר ארום מיר.

אבער אט זיצן שוין ביידע און איך בלייב אויך זיצן.

„מיר פארן מארגן אויף אונזער וואקאציע. איך ווי אלע יאר אין אונזער ווילע ביי דער אסט־זעע נאך קאלבערג און מאגנוס אויף די באלטישע זעען אויף זיין יאכטשיפל. מיר זענען געקומען דיך מיטנעמען. מיר האבן נישט דאס הארץ דיך איבערצולאזן דא אין דעם באק־אויוון אין די הייסע וואכן“.

איך האב געזען, אז דער שמועס איז פריוואט און משפחהדיק, מיך



אנטשולדיקט אויף א מינוט און צוגעגאנגען צום טישל אקייגנאיבער.

אדלער איז שוין נישט געווען. גלאטשטיינען האט דאס פייקעלע נישט אראפגעהאנגען, אבער דאס שפאטישע שמייכעלע אויף דער אראפהענגענדיקער גאמבע האט געלויכטן צוויי־דייטיק. קולבאק האט מיר ארויסגערוקט דאס בענקל, אויף וועלכן יאנקל אדלער איז פריער געזעסן:

„איר זעט מיר נישט אויס צו האבן די הערנער צו געבן א נעם די שטאט און זי אדורכצושאקלען... דא איז נגוה, דאס איז סדום... מילא, אויף דער יידינע מיט איר לידל בין איך נישט קיין גרויסער מבין... ס׳איז נישט מיין סחורה! אבער אז איר קרענקלעכע פאנטאזיע קריכט אויף גלייכע ווענט... מ׳האט זי איינגעוויגט, און זי וויגט זיך ווי דאס איזאק־קינד אויף דער עקידה... פרימיטיוו, אוממיטלבאר, עקספערימענטירן? איך בין נישט קיין מאמין אין די זאכן... מער ווייבלעכע אימבאהאלפנקייט... לייענט דאך רילי־קען וועט איר זען... האלוצענאציע איז נאך נישט מאדערנע דיכטונג...“

גלאטשטיין האט אויף אים א פינקל געטון מיט די אויגן: „אז די שווייגער הייבן אן צו רעדן, איז פאר פייער און פאר וואסער.. מ׳מוז קאנען נעמען די וועלט האצקום; אז נישט פון פארנט, איז הינטן ארום, שלא קידרייקע“...

„אז דו ווערסט שוין א ציניקער“... ער האט געכאפט דעם קאפעליוש און איז ארויס דורך דער דריי־טיר.

דאס פייקעלע האט א פינקל געטון: „זי איז זער קלוג, זי שטעקט אונז אלע אין וועסטל־טעשל אריין. מ׳מוז קאנען האלטן די וועלט צום נאר, פארשטייסט?“

„א קונץ מיט אזא פייקעלע?“

„ס׳איז נישט פאר דיר, מ׳מוז האבן די געמבע דערצו... ס׳ארבעט זיך אויס, ס׳עקספערימענטירט“.

די צוויי קייגנאיבער האבן זיך ראשיק מיט איר געזעגנט. גלאטשטיין האט צוגעדושעט דאס פייקעלע, זיך אויפגעשטעלט מעשה פראנט און צוגעגאנגען צו איר טישל: „פרינץ, איך ארבעט אויף דיין ליד, ,יוסף און זיינע ברידער׳.“

„מיט אזא געזיכט?“ און איר פנים האט אנגענומען דאס אויסזעען פון א סאטיר. גלאטשטיין האט זיך באנומען מיט איר גאנץ פריי, אפילו געקיבעצט.

„וואו האט איר אים געפונדען?“ ווייזט זי אן אויף מיר.

„אין ווייסנזעע, אויפן בית־החיים“.

„ווירקליך? פאבלהאפט!“ עס טוט איר קאלאסאל לייד, אבער זי פארט איצט אוועק מיט די הירשפעלדס אויף איי ניקע וואכן צום אסטזעע. שוין מארגן אין דער פרי און זי מוז אהיימגיין זיך פאקן. אויב מיר ווילן זי באגלייטן צו דער מאץ־שטראסע אין האטעל, וועט זי זיך פרייען.

איך האב שוין די נאכט אויך דעם צוג נאך פאטסדאם פארשפעטיקט. ווען גלאטשטיין איז געלאפן צו דער אונטערגרונט־באן צו כאפן דעם לעצטן צוג, זענען מיר געבליבן זיצן אין איר האטעל־צימערל אויפן העכסטן שטאק „ווי אין א שיף־קאיוטע אויפן צעשטורעמטן ים“.

ווי טרויעריק זי האט אויסגעזעען, ווי פארלוירן: „פון גאט קאן מען נאר רעדן ווען מ׳איז אליין, ווי פון דער ליבע... האט דיין וואונדער־ראבי אים געזעען? קאן מען אים ווירקלעך נישט זעען ווי די ליבע? אבער אבראהאם האט דאך גערעדט מיט אים... וואהראפטיק, איך האב איינמאל געזעען איין ענגעל״...

ווי טרויעריק זי האט אויסגעזעען ווען זי האט גערעדט, ווי פארלוירן. אזא רחמנות האט מיך ארומגענומען. „דערצייל מיר דאך פאן דער קאבאלא... איך האב געזעען דעם וואונדער־ראבי, פרידמאן פאן סאדיגארא אין קאלבערג אם שטראנד און ער זא אאוס ווי איין ווירקליכער ענגעל. איך ראן צו אים צו אונד קיסטע אים די האנט. א, ווי זיינע אאוגען מיך אנגעשאאוט האבן... איך שאאודער נאך אצינד!״

איך האב שוין געהאט ארייגעשטעקט די האנט אין טאש ארויסצונעמען דאס ליד, וואס איך האב אנגעשריבן צו איר היינט באגינען ביי זונענאויפגיי אויף דער האפל, אבער דערזעען איר אויפשוידערן, האט מיך א ציטער אנגענומען: איז דען נישט דער סאדיגורער אן אייניקל פון ר׳אברהם מלאך, דעם מעזריטשער מגידס זון, דעם יסוד־לייגער פון חסידות, פון די רביישע דינאס־טיעס?...

און איך האב אנגעהויבן צו ריידן פון חיות־הקודש, פון נהר דינור — דאס ליד איז דאך נאר א בלאסער אפשיין דערפון, א זון־אויפגיי איבער דער האפעל.

ס׳איז שוין געווען לאנג טאג, ווען דער שמועס איז איבערגעריסן געווארן פון א קלאפ אין טיר. דער האטעל־פארטיער האט געמאלדן, אז מ׳ווארט אויף איר אונטן זי צו נעמען צום שטעטינער באנהאף.

(שלוס פון קאפיטל קומענדיקן חודש)

## אין דער אוגערקע - צייט

די בערע־מענער

„היימישע, היימישע! היימישע, היימישע!״
דער אוגערקע „בערע״־מאן דא אין געסל;
אבער אויפעסנדיק בלויז איינע אזעלכע,
צום בויך געמוזט צולייגן נישט איין קאמפרעסל —

אזוי בארעט מען מארקשרייעריש דא אצינד,
מיט אלצדינג וואס פויל און שמעקט שוין פארלעגן.
ווי אפפאל אויף „בערעס״, געבליבענע ראמש־רעשטלעך,
פארשארכערט מען גאנץ אונזער היימיש פארמעגן.

דער ווארעם אין כריין

פון איין בלומען־קעלעך ערשט ארויס



אין אינם אנדערן שוין אריין;
פון ווע‌מענס ליפן ס׳פליסט האניק,
מוזן אויך בייסן קענען די ציין.

וויי ווען ווארעם ווידמענדיקער,
צווישן די בלומען כאפט זיך אריין;
ווערעמדיק ווערט די גאנצע בייט,
און ער זיצט זיך — א ווארעם אין כריין.

די פלוי

ווו לעבט זיך א פלוי אמבעסטן,
ביים לייב אין גריוועע אונטער אויער;
זי זיצט זיך און נאגט זיך און — ער,
קאן זיך שטעלן מיט פופיק קאפויער.

ער מעג זיין ברילנדיקן קאפ,
אין דער הארטסטער פעלדזן־וואנט צעשלאגן;
אויפגערעגט פון גריוועע שפרינגען!
און זי זיצט זיך און האלט אין איין נאגן.

אינטערוויו

אין א שטייגעלע א קליין פייגעלע,
שפרינגט אהער אהין, הערט נישט אויף צו שפרינגען;
און אט גיט עס זיך גאר פלוצלינג א שטעל אפ,
הייבט אן אזוי וואונדערלעך שיין צו זינגען.

— קליין פייגעלע, געפאנגען אין שטייגעלע,
מיט דיין שיינעם געזאנג וואס ביזט דו אויסן?
— אז איך קוק דאס שיינע וועלטעלע דיינס אן,
פריי איך מיך, וואס כ׳זיץ דא און בין נישט דרויסן.

פון פויגל־פערספעקטיוו

אויפן העכסטן שטאפל פון זיין לייטערל,
פארשכורט פון שטאלץ שאקלט זיך דער פאפאגיי;
ווי ער בלאזט פון זיך א יעדעס פעדערל,
ווען ס׳שרייען פון אים ארויס ווערטער אלערליי.

א קאנאריק שטעקט ס׳ציגגול צו אים ארויס
אמת איך טו נאר א טשוויטש, א טרעל — בלויז ס׳איז מיין!

פון טיפן הארצן ס׳קומט ארויס, פול געפיל,
נישט פרעמדס פאר פרעמדע, — א נאר אויפן מארק צו שטיין.

### אין זשאבע־זומפ

אין א זומפ פלאדיען זיך די זשאבעס !
אין פורפור צעשפילטער שקיעה־שעה,
זיי נעמען קוואקעדיק בלעקעצן,
גאנצער ארום מרה־שחוריק גרא.

ווען זיי האלטן שוין טיף ביי „מודים”,
באטשאן ביים ברעג גיט זיך טיף א בוק —
ביי זשאבע, פרעפלדיק אין זיין דזשוב,
ווי גרא־פארגלייזט גרויס פארגלאצט — דער קוק.

### 5 ביים אויסשפייען „לכל המונם”

א שפיי טון אין די פנימער ?
אז פון מעש זיינען די שטערן !
מיט בארשט דעם שפיי זיי פארפוצן,
נאך גלאנציקער צו ווערן.

פון אזעלכע שטיוול־פוצער,
מ׳טאר זיך נישט לאזן אויפרעגן :
מען שפייט זיי אין די פנימער,
און זיי שרייען : ס׳גייט א רעגן.

### מיט זיך אליין

גייט דאס הארץ אויף אטאקעס,
עס זאל נאר קענען אויסהאלטן ;
טאק־טאק־טאק, רעד איך צו מיר,
ווי מיט א יידן אן אלטן.

טאקע נאר מיט זיך אליין,
אזוי הארציק מ׳קאן נאך ריידן :
טאק, טאק, ווי גרויליק ס׳לעבן,
ווילט זיך דאך נישט פון אים שיידן.

## שקיעה - שעה ?

א לעצט קינד שאקלט זיך אויף הושטאווקע,
צוויי גרעסערע יאגן זיך ווילד מיט א „באל”.



„דו וועסט דיך אויך באלד שפילן אינם זאמד...”
דונערט בליציק פון ווייטן ווו א בת־קול.

א וואלקן שווימענדיק דערווייטערט זיך,
אויף מיין בוך פאלט א לעצט טריפנדיקער טראפ.
אויבן שפילט נאך ווער מיט די זון אין „באל” —
אין רעגנבויגן טויער זי פאלט אראפ.

ליידיק שאקלט זיך שוין ס׳הושטאווקעלע,
די צוויי יינגלעך זיי זיינען אויך שוין נישטא.
איך שאקל מיך אהיים, קוים נאך וואס כ׳גיי,
אזא גרויער שאטן אין שקיעה־שעה גרא...

### לעצטער געדאנק ?

ווען דאס מאמע פייגעלע שטארבט אוועק,
בויט פייגעלע פון אירע פעדערן א נעסט,
און מיט די וועלק־בלעטער פון דיביימער,
דעקט צו דער גערטנער דעם בלומען־בייט אין די פרעסט.

ווען מיר שטארבן, ווערעם שוין צעפרעסן,
וואס טוט מאמע ערד דעמלט מיט אונזער געביין ?
ביין צו ביין שארט זי צו און ס׳בויט זיך אויף,
א גרויסער אלבאסטער־פעלדזן פון מירמלשטיין.

לעב איך נאך, בין איך געשטארבן שוין ?
פון ראיענדיקע מוראשקע קופע א נעסט ?
מיין געדאנק מורמלענדיק שטיינגעבליבן :
„און וואס שוין זיין, אז לענגער אויסהאלטן וועסט ?

„און אז שוין דערשלעפן אים צום העכסטן,
ווו בלייבן געדאנק א פארטראכטער שטיין ?
א ראיענדיקע קופע מוראשקעס,
צופיסנס פון פארשטיינטן מירמלשטיין.

## א קאצקער ווארט מכוח אלט ווערן

געהערט א קאצקער נאכזאגן :
ווען מ׳איז אלט קאן מען אנשטעלן,
זיך מאכן אזוי, טון אזוי,
דעם רשע אין זיך פארשטעלן.

ווערט מען אלט און מ׳איז שוין אן כוח,
טוט זיך דער אמת ענטפלעקן ;

ס׳פעלט אויס דאס ביסל כוח־גברא,
דאס שלעכטס אין זיך צו פארדעקן.

מען איז יינג און דער גוף איז פלינק,
פון רוח אפילו מ׳איז פלינקער,
מ׳ווערט אלט, א זקן־אשמאה,
קומט ארויס דער גאנצער שטינקער.

„מגלה טפח ומכסה טפחיים״ —
„די חכמה פון תלמיד־חכם!
דער רוקן ווערט שטייף, ווייז די קונץ,
און זיי א משתחוים רווחים.

דאס מיינט „כל זמן שמזקינים!״
אבער אז מ׳איז שוין א זקן,
פון אונטערן הדרת־פנים,
קוקן ארויס גרויס די פאקן.

מען בעט נעבעך לאנג צו לעבן,
ער זצ״ל געגעבן א שמייכל:
מען זעט נישט ווי ס׳הארץ פאלט איין,
און ס׳וואקסט אלץ דיקער דאס בייכל.

כיטרעדיק, ניוכעדיק מ׳חלשט,
אריינאכפן נאך א ייכל —
מיטן אלטן פנים, דעם נאר,
פארפעצט אין מוח ס׳ביסל שכל.

## שמואל פידערער

## „די יידן פון מדינת עסטרייך״

(35. וואגיקע עסייען און דאקומענטאציעס וועגן לעבן, היסטאריע און חרבון פון די עסטרייכישע יידן, — רעדאקטירט פון יוסף פרענקעל.)

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז, אין לאנדאנער פארלאג וואלענטין און מיטשעל, דערשינען (דאס רוב אויף לשון ענגליש, טיילווייז אין דייטש) א גרויסער חיבור וועגן די פארשידענע אספעקטן פון דורות־לאנגען לעבן און טעטיקייטן פון יידן אין מדינת עסטרייך און וועגן זייער אומקום בימי היטלער י״ש. דאס בוך, פאכמעניש צונויפגעשטעלט פון דעם ציוניסטישן עסקן און שרייבער יוסף פרענקעל, קלאסיפיצירט אין 4 אפטיילונגען — אויף א ערך



600 זייטן — איז א נאר וויכטיקער, וויסנשאפטלעכער בייטראג און מקור־אינפארמאציע וועגן דעם יידישן שבט אין אייראפע, וואס האט ארויסגעבראכט פאר דער ציוויליזירטער וועלט־ארענע אזעלכע מארקאנטע פערזענלעכקייטן ווי: דר. הערצל, נתן בירנבוים, זיגמונט פרויד און אנדערע יידישע גאונים אויף יעדן געביט פון קונסט, ליטעראטור, מעדיצין און אנדערע קולטור־ספערען.

אין דער הקדמה צום בוך פארמערקט פרענקעל: „ס׳האט קורסירט א לע־גענדע אז 80־יאר נאכדעם ווי יהושיע־בן־נון איז אריבער דעם ירדן־טייך האבן שוין יידן זיך באזעצט אין דער שטאט ווין. א אנדער מעשה׳לע דער־ציילט אז א ייד איז געווען דער גרינדער פון ווין. פאקטיש איז פארהאן דאקומענטארישע באווייזן אז שוין אין יאר 1156 האבן יידן באקומען ווינ־פריווילעגיעס אין ווין פון מלך פרעדריק בארבאראסא. „ווייטער דערציילט פרענקעל אז מ׳האט דארט גערודפט יידן אין אלע צייטן און יארהונדערטן, לסוף בימי הנאצי׳ס י״ש האט מען — אין אלע ק.צ. פון די אקופירטע לענדער — אויסגעהרגעט אריבער 60 טויזנט עסטרייכישע יידן. אבער לאמיר גיין בהדרגה פון קאפיטל צו קאפיטל, ברענגען בצימצומדיק מאמענטן און פאקטן פון די אינטערעסאנטע בייטראגן, געשריבן פון קאמפעטענטע מחברים — כלומרשט: א געדאנקלעכן פאטאמאנטאזש וואס זאל נישט אריבערשפאנען די פארמע פון א רעצענזיע־מאמר.

דעם ערשטן „ארויספאר״ אין דעם „פנקס־עסטרייך״ מאכט דער קונסט־היסטאריקער וואלטער פיליך מיט א לאנגער שילדערונג וועגן דעם אנטייל וואס יידן האבן גענומען אין עסטרייך אויפ׳ן געביט פון מאלעריי, סקולפטור, גאלדשמיד־קונסט א.א. במשך פון 16־טן ביז סוף 18־טן יארהונדערט. דער אימפעראטאר רודאלף דער צווייטער האט, אין יאר 1571 דורך א דעקרעט געגעבן יידן די פריווילעגיע זיך צו באשעפטיקן מיט קונסטארבייט. פארשטייט זיך אז דאס איז ניט געווען סתם אזוי צוליב אהבת־ישראל נייערט מיט׳ן באדינג אז זיי זאלן, חוץ צאלן גרויסע פאדאטקעס, אויך באריירכערן די אוצרות־זאמלונג פון זיין הויף מיט זייערע קונסטפולע אויסארבייטונגען, פאר וועלכע דער אימפעראטאר האט באצאלט א שיבוש ארבייטסלוין. נאך היינט־צו־טאג געפונען זיך די טייערע חפצים אין די מוזייען פון דער עסטרייכישער מלוכה (אויך אין בריטיש־מוזיי) און רעפרעזענטירן א ווערט פון שווערע מיליאנען דאלארן. ביז נאך איטערעסאנט איז פיליך׳ס אינפארמאציע אז מיט דער אויסארבייטונג פון יידיש־רעליגיעזע חפצים ווי כתר־תורה׳ת, יד׳ן, בשמים1 פישקעלעך א.א. וואס ווערט געמאכט פון זילבער, האבן יידן זיך ניט געטארט מתעסק־זיין (דאס האבן געמאכט בלויז קריסטן) ווייל די קריסטלעכע צעך פון זילבער־ארבעט האט ניט אריין גענומען קיין יידן און אן דער חברותה האט מען ניט געקאנט ארבייטען ביים זילבערפאך. פיליך גיט אויך א לאנגע רשימה פון מאלער, צייכנער, גראווירער, קאליגראפן א.א. וואס האבן מיט זייער יידי־שער פראצע באריירכערט די אוצרות פון די עסטרייכישע מאנארכען. לסוף פון זיין פארשארבעט בעט פיליך אז אנדערע קונסט־היסטאריקער זאלן ממשך זיין

מיט דער פארשונג פון דעם ענין וואס דארף, לויט זיין מיינונג, ווערן מער אינטענסיווירט.

וועגן „אנטייל פון יידן אין דער עסטרייכישער מוזיק" שרייבט דער מוזיק־קריטיקער פעטער גראדענוויץ (פון תל־אביב) אז, נאך אין די צייטן פון מאצארט האבן יידן שוין געהאט א חלק אין די מוזיקאלישע אקטיוויטעטן פון עסטרייך. דער איטאליענישער ייד לארענצא דא פאנטע האט פארפאסט די טאקסטן פאר מאצארט׳ס אפערע׳ס „פיגארא׳ס חתונה", „דאן דזשאוואני", קאזי פאן טוטע". דער װאלצער־קעניג יאהאן שטרויס (וועגן וועמען עס קורסירן אגב לעגענדעס אז ער שטאמט אויך פון יידן) האט פאר זיינע אפערעטעס אויך געניצט טעקסטן פון יידישע מחברים. צווישן די עסטרייכישע אפערעטן־קאמפאניסטן וואס זיינען געקומען נאך שטרויס, זיינען אויך געווען מארקאנטע יידישע מוזיקער ווי: לעא אשר, אסקאר שטרויס, עדמונד אייזלער, לעא פאל, עמעריך קאלמאן א.א. אויך די יידישע אפערנקאמפאניסטן: קארל גאלדמארק, איגנאץ בריל, האבן אימפולסיוו משפיעה געווען דעם מוזיקאלישן ניוואָ פון עסטרייך. ועל כלם די 2 מוזיקאלישע גאונים מיט וועמענס מוזיקאלישע שאפונגען ס׳האט אנגעהויבן א נייע עפאכע אויפן געביט פון מוזיק. די בארימטע יידישע קאמפאניסטן גוסטאוו מאלער און ארנאלד שענבערג וואס האבן אויפגערודערט די מוזיקאלישע וועלט אומעדום: פאריז, לאנדאן, ניו־יארק, טאקיא און אויך תל־אביב.

בנגע דעם „ביישטייער פון עסטרייכישע יידן צום ענין יוריספרודענץ „שרייבט דער אדוואקאט פראנץ קאבלער א לאנגן מאמר און אינפארמירט וועגן גרויסע באמיאונגען פון יידישע אדוואקאטן און ריכטער צו רעפארמירען די עסטרייכישע געזעצן, זייט אנהויב פון 18־טן י.ה. וואס זיינען געווען הינטערשטעליק און דעספאטיש אין פארגלייך מיט די געזעצן פון אנדערע, מער ליבעראלע לענדער, פון יענעם צייט־פעריאד.

משה אטלאס איז פארטרעטן מיט א מאמר וועגן „בארימטע יידישע דאקטוירים אין ווין אין 19־טן און 20־טן י.ה. „און גיט א רשימה מיט נעמען פון איבער 100 פראפעסארן־ספעציאליסטן וואס האבן געבראכט, מיט זייער פארשארבעט, די מעדיצינישע וויסנשאפט אויף א גאר הויכער מדרגה. אזוי ארום ־אט זיך ווין אנטוויקעלט צו א צענטער וואהין קראנקע מענטשן פון דער גאנצער וועלט זיינען געקומען זוכן — און אויך געפונען־היילונג צו זייערע ליידן.

בנגע „דריי עסטרייכישע יידן אין דער דייטשער ליטעראטור: שניצלער, צווייג, הערצל", שרייבט הארי סאן א גרויסע קריטישע אפהאנדלונג וועגן דעם שרייבערישן פארנעם פון די דריי גרויסע יידן, מיט פיל ביאגראפישע פרטים וועגן זייער יידישן און מענטשלעכן מהות. חוץ מזה גיט ער א אינטערעסאנטע שילדערונג וועגן די באציאונגען פון די ערשטע צוויי צום ציוניזם וואס הערצל האט פאר זיי פערזענלעך פראפאגירט, אין יענער תקופה. איז כדאי צו וויסן אז איבער דערזעלבער טעמע איז, אין יאר 1944 אין פילאדעל־



פיע, דערשינען א בוך פון פראפעסאר סאל ליפצין מיטן טיטל „דייטשלאנדס שטיפקינדער".

וועגן די „זכרונות" פון ווינער אבעררבינער דר. גידעמאן, איז פארהאן א וואגיקער עסיי פון יוסף פרענקעל גופא, פול מיט היסטארישע רעמיניסצענצן אין שייכות פון גידעמאנס קעגנערשאפט צו הערצל און צום ציוניזם, פרטים וואס זיינען צום ערשטן מאל פארעפנטלעכט. פרענקעל האט געהאט צו זיין דיספאזיציע דעם כתב־יד פון די זכרונות און שילדערט, אויף א דראמאטישן אופן דעם פארלויף פון די באגעגנישן צווישן דעם אנפירער פון די „פראטעסט־ראבינער" גידעמאן מיט דעם סענסיטיוון דר. הערצל. בלי ספק איז פרענקעל׳ס עסיי א וויכטיקער ביי‌טראג פאר די צוקונפטיקע היסטאריקער פון ציוניזם.

ווייטער איז פארהאן, אין ערשטן טייל פון דעם ספר, א אימפאזאנטער איבערבליק וועגן נתן בירנבוים׳ס (מתתיהו אחר) „קאמף פאר נאציאנאלע אויטאנאמיע פאר די יידן אין עסטרייך". א באריכט וועגן יידישן מוזיי" אין ווין און וועגן יידישע מאלער, גראפיקער, סקולפטארן א.א.וו. וואס האבן זיך קונה־שם געווען מיט זייער קונסט. א רעפארטאזש וועגן דער יידישער ספארטבאוועגונג אין עסטרייך (זייער פוסבאלקלוב „הכוח" און די באקסער־חברה „בר־כוכבה" זיינען כמעט שטענדיק געווען פון די בעסטע אין ווין.) וועגן די אומלעגאלע חלצים־טראנספארטן וואס זיינען־קומעדיק פון די מזרח־לענדער — דורך ווין ווייטער דיריגירט געווארן קיין פאלעסטינע, דאס אין משך פון א סך יארן. לסוף פון דעם ערשטן טייל, וואס נעמט ארום בערך א דריטל פון בוך, איז פארהאן א אויספירלאכער עסיי פון א.א. דוטש, וועגן דער גייסטיקער השפעה וואס די עסטרייכ־יידישע עמיגראציע האבן געמאכט אין די אנגלא־אמעריקאנישע לענדער — אין די לעצטע דריי יארצענדליקער — אויף אלע אופנים פון קולטורשאפונג (חוץ „ווינער שניצל" און ווורשט).

---

דער צווייטער טייל מיטן אייבערטיטל: „ביאגראפיע און זכרונות" הויבט זיך אן מיט א באריכותדיקער שילדערונג פון מארטין פרויד, איבער דעם יידישן סענטימענט פון זיין בארימטן פאטער, דעם אנטדעקער פון דער פסיכאאנאליטישער וויסנשאפט זיגמונט פרויד. מיר דערוויסן זיך פרטים (וואס פרויד׳ס אפיציעלע ביאגראפן האבן פארשוויגן) אז די עלטערן פון זיגמונט פרויד זיינען אויסגעוואנדערט פון בראד (גאליציע) קיין ווין, אז פרויד׳ס מוטער האט געטראגן א שייטעל אויפן קאפ, אז די גאנצע משפחה האט שטאלצירט מיט זייער יידישן אפשטאם, אז אלבערט איינשטיין איז געווען א יוצא־ונכנס אין זייער הויז, אז חיים ווייצמאן האט אים באזוכט אין דער לאנדענער עמיגראציע ווען ער איז געווען זייער קראנק. א סך טשיקאווע זאכן ווערן מיר געוויר וועגן דעם גדול הדור פרויד.

ווייטער זיינען פארהאן אין צווייטן טייל ביאגראפישע עסייען וועגן דעם דיכטער און דראמאטורג ריכארד בער האפמאן (דעם מחבר פון „יעקוב׳ס חלום"), וועגן דעם קאמפאזיטאר פון שול־נגונים און גאון החזנים שלומה סול־

מיט דער פארשונג פון דעם ענין וואס דארף, לויט זיין מיינונג, ווערן מער אינטענסיווירט.

וועגן „אנטייל פון יידן אין דער עסטרייכישער מוזיק" שרייבט דער מוזיק־קריטיקער פעטער גראדענוויץ (פון תל־אביב) אז, נאך אין די צייטן פון מאצארט האבן יידן שוין געהאט א חלק אין די מוזיקאלישע אקטיוויטעטן פון עסטרייך. דער איטאליענישער ייד לארענצא דא פאנטע האט פארפאסט די טאקסטן פאר מאצארט׳ס אפערע׳ס „פיגארא׳ס חתונה", „דאן דזשאוואני", קאזי פאן טוטע". דער וואלצער־קעניג יאהאן שטרויס (וועגן וועמען עס קורסירן אגב לעגענדעס אז ער שטאמט אויך פון יידן) האט פאר זיינע אפערעטעס אויך גענוצט טעקסטן פון יידישע מחברים. צווישן די עסטרייכישע אפערעטןקאמפאניסטן וואס זיינען געקומען נאך שטרויס, זיינען אויך געווען מארקאנטע יידישע מוזיקער ווי: לעא אשר, אסקאר שטרויס, עדמונד אייזלער, לעא פאל, עמעריך קאלמאן א.א. אויך די יידישע אפערנקאמפאניסטן: קארל גאלדמארק, איגנאץ בריל, האבן אימפולסיוו משפיעה געווען דעם מוזיקאלישן ניווא פון עסטרייך. ועל כלם די 2 מוזיקאלישע גאונים מיט וועמענס מוזיקאלישע שאפונגען ס׳האט אנגעהויבן א נייע עפאכע אויפן געביט פון מוזיק. די בארימטע יידישע קאמפאניסטן גוסטאוו מאלער און ארנאלד שענבערג וואס האבן אויפגערודערט די מוזיקאלישע וועלט אומעדום: פאריז, לאנדאן, ניו־יארק, טאקיא און אויך תל־אביב.

בנגע דעם „ביישטייער פון עסטרייכישע יידן צום ענין יוריספרודענץ „שרייבט דער אדוואקאט פראנץ קאבלער א לאנגן מאמר און אינפארמירט וועגן גרויסע באמיאונגען פון יידישע אדוואקאטן און ריכטער צו רעפארמירען די עסטרייכישע געזעצן, זייט אנהויב פון 18־טן י.ה. וואס זיינען געווען הינטערשטעליק און דעספאטיש אין פארגלייך מיט די געזעצן פון אנדערע, מער ליבעראלע לענדער, פון יענעם צייט־פעריאד.

משה אטלאס איז פארטרעטן מיט א מאמר וועגן „בארימטע יידישע דאקטוירים אין ווין אין 19־טן און 20־טן י.ה. „און גיט א רשימה מיט נעמען פון איבער 100 פראפעסארן־ספעציאליסטן וואס האבן געבראכט, מיט זייער פארשארבעט, די מעדיצינישע וויסנשאפט אויף א גאר הויכער מדרגה. אזוי ארום ־אט זיך ווין אנטוויקעלט צו א צענטער וואהין קראנקע מענטשן פון דער גאנצער וועלט זיינען געקומען זוכן — און אויך געפונען־היילונג צו זייערע ליידן.

בנגע „דריי עסטרייכישע יידן אין דער דייטשער ליטעראטור: שניצלער, צווייג, הערצל", שרייבט הארי סאן א גרויסע קריטישע אפהאנדלונג וועגן דעם שרייבערישן פארנעם פון די דריי גרויסע יידן, מיט פיל ביאגראפישע פרטים וועגן זייער יידישן און מענטשלעכן מהות. חוץ מזה גיט ער א אינטערעסאנטע שילדערונג וועגן די באציאונגען פון די ערשטע צוויי צום ציוניזם וואס הערצל האט פאר זיי פערזענלעך פראפאגירט, אין יענער תקופה. איז כדאי צו וויסן אז איבער דערזעלבער טעמע איז, אין יאר 1944 אין פילאדעל־



פיע, דערשינען א בוך פון פראפעסאר סאל ליפצין מיטן טיטל „דייטשלאנדס שטיפקינדער".

וועגן די „זכרונות" פון ווינער אבערראבינער דר. גידעמאן, איז פארהאן א וואגיקער עסיי פון יוסף פרענקעל גופא, פול מיט היסטארישע רעמיניסצענצן אין שייכות פון גידעמאנס קעגנערשאפט צו הערצל און צום ציוניזם, פרטים וואס זיינען צום ערשטן מאל פארעפנטלעכט. פרענקעל האט געהאט צו זיין דיספאזיציע דעם כתב־יד פון די זכרונות און שילדערט, אויף א דראמאטישן אופן דעם פארלויף פון די באגעגנישן צווישן דעם אנפירער פון די „פראטעסטראבינער" גידעמאן מיט דעם סענסיטיוון דר. הערצל. בלי ספק איז פרענקעל׳ס עסיי א וויכטיקער ביטראג פאר די צוקונפטיקע היסטאריקער פון ציוניזם.

ווייטער איז פארהאן, אין ערשטן טייל פון דעם ספר, א אימפאזאנטער איבערבליק וועגן נתן בירנבוים׳ס (מתתיהו אחר) „קאמף פאר נאציאנאלע אויטאנאמיע פאר די יידן אין עסטרייך". א באריכט וועגן יידישן מוזיי" אין ווין און וועגן יידישע מאלער, גראפיקער, סקולפטארן א.א.וו. וואס האבן זיך קונה־שם געווען מיט זייער קונסט. א רעפארטאזש וועגן דער יידישער ספארטבאוועגונג אין עסטרייך (זייער פוסבאלקלוב „הכוח" און די באקסער־חברה „בר־כוכבה" זיינען כמעט שטענדיק געווען פון די בעסטע אין ווין.) וועגן די אומלעגאלע חלצים־טראנספארטן וואס זיינען־קומעדיק פון די מזרח־לענדער — דורך ווין ווייטער דיריגירט געווארן קיין פאלעסטינע, דאס אין משך פון א סך יארן. לסוף פון דעם ערשטן טייל, וואס נעמט ארום בערך א דריטל פון בוך, איז פארהאן א אויספירלאכער עסיי פון א.א. דוטש, וועגן דער גייסטיקער השפעה וואס די עסטרייכ־יידישע עמיגראציע האבן געמאכט אין די אנגלאאמעריקאנישע לענדער — אין די לעצטע דריי יארצענדליקער — אויף אלע אופנים פון קולטורשאפונג (חוץ „ווינער שניצל" און ווורשט).

---

דער צווייטער טייל מיטן איבערטיטל: „ביאגראפיע און זכרונות" הויבט זיך אן מיט א באריכותדיקער שילדערונג פון מארטין פרויד, איבער דעם יידישן סענטימענט פון זיין בארימטן פאטער, דעם אנטדעקער פון דער פסיכאאנאליטישער וויסנשאפט זיגמונט פרויד. מיר דערוויסן זיך פרטים (וואס פרויד׳ס אפיציעלע ביאגראפן האבן פארשוויגן) אז די עלטערן פון זיגמונט פרויד זיינען אויסגעוואנדערט פון בראד (גאליציע) קיין ווין, אז פרויד׳ס מוטער האט געטראגן א שייטעל אויפן קאפ, אז די גאנצע משפחה האט שטאלצירט מיט זייער יידישן אפשטאם, אז אלבערט איינשטיין איז געווען א יוצא־ונכנס אין זייער הויז, אז חיים ווייצמאן האט אים באזוכט אין דער לאנדענער עמיגראציע ווען ער איז געווען זייער קראנק. א סך טשיקאווע זאכן ווערן מיר געוויר וועגן דעם גדול הדור פרויד.

ווייטער זיינען פארהאן אין צווייטן טייל ביאגראפישע עסייען וועגן דעם דיכטער און דראמאטורג ריכארד בער האפמאן (דעם מחבר פון „יעקוב׳ס חלום"), וועגן דעם קאמפאזיטאר פון שול־נגונים און גאון החזנים שלומה סול־

צער, אויך זכרונות פון מאקס בראד וועגן ווין און צוויי אנדערע עסייען פון זשאנער „זכרונות“.

---

דער דריטער טייל מיטן אייבערקעפל היסטאריע הויבט זיך אן מיט א לענגערער אפהאנדלונג פון 24 זייטן )ממש א בראשורע) פון דר. אריה טארטאקאווער וועגן ענין „יידישע וואנדערונג־באוועגונג אין עסטרייך אין דער נאענטער עפאכע“. שוין ביים אנהויב ווארנט טארטאקאווער ניט צו פארבייטן די צוויי ווארט־באגריפן „עסטרייך“ און „עסטרייכישע מאנארכיע“. הונדערטער יארן האט עקסיסטירט די „עסטרייך־אונגארישע־מאנארכיע“, וואס האט כולל געווען טשעכן, גאליציע, און פארשידענע אנדערע פעלקער. ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די מאנארכיע זיך צעפאלן און ס׳איז אנטשטאנען די רעפובליק „עסטרייך“ אויף א קליינעם שטח מיט וואסערע 8 מיליאן בירגער. (דאס דארף מען אגב אויך נעמען אין באטראכט אין שייכות מיט אלע אפהאנדלונגען פון דעם בוך!) ווייטער איז טארטאקאווער מסביר, מיט גענויע סטאטיסטישע ציפערן, דעם גאנצן פארלויף פון דער יידישער עמיגראציע אין עסטרייך — סיי פריער אין דער מאנארכיע סיי שפעטער אין דער רעפובליק, בפרט אין די צייטן פון דער קאטאסטראפאלער בהלה בימי היטלער י״ש. אויך אין דער איצטיקער צייט שפילט עסטרייך א גאר וויכטיקע ראלע פאר דער יידישער עמיגראציע פון די מזרח־לענדער קיין מדינת ישראל, מחמת ווין איז דער מיטלפונקט אין אייראפע צווישן מזרח און מערב. אט דער בייטראג פון דר. טארטאקאווער איז גאר וויכטיק פאר די ארגאניזאטארן פון סוכנות א.א.וו.

דר. תור־סיני ברענגט א קורצן עסיי וועגן „ווינער יידישקייט“ אנגעפיקעוועט מיט טשיקאווע פאקטן וועגן קאנטראסטן צווישן ווינער און פוילישע יידן, וועגן אנטיסעמיטיזם פון די ווינער דייטשן, וועגן דער קהילה־טעטיקייט און ציוניסטישער אקטיוויטעטן, קולטורבאוועגונגען א.א.וו. מיט איין ווארט: בילדער פון יידישן לעבן וואס האט דארט פולסירט פונקט ווי אין אנדערע שטעט פון אייראפע: ווארשע, ווילנע א.א.

ווייטער זיינען, אין דריטן טייל פון בוך, פארהאן דאקומענטארישע שילדערונגען וועגן די ספרדיש־שפאניאלישע יידן (וואס האבן צווישן זיך גערעדט בלשון לאדינא) וואס האבן אין ווין געהאט א סעפעראטע קהילה און א שיינע סינאגאגע מיטן נאמען: „טירקישער טעמפעל“ וואס איז געווען סובווענציאנירט פון טערקישן סולטאן. הרב י. העשעל ברענגט א גאר וויכטיקע אפהאנדלונג וועגן: „דער געשיכטע פון חסידיזם אין עסטרייך“. מאיר העניש שרייבט וועגן דער טעמע: „גאליציאנער יידן אין ווין“, וועלכע זיינען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אנטלאפן פון זייערע היימען, אויס מורא פאר די רוסישע סאלדאטן וואס האבן געמאכט פאגראמען, און מאסנווייז געקומען קיין ווין ערום וחוסר כל, (נאקעט און בארוועס). וועגן יידישן לעבן אין די עסטרייכישע פראווינץ־געגנטן: טיראל, קערנטן, שטייערמארק זיינען



פארהאן 3 קורצע רעפארטאזשען פון ע.ס. רימאלט (וועגן טיראל), סילוויא ס. שטעסל (קערנטן) און משה קארל שווארץ (וועגן שטייערמארק), וואס געבען אויספירלעכע אינפארמאציעס פון הונדערטער יארן אנשטרענגונג און קאמף, פון די דארטיקע יידן, פאר הומאניזם און גלייכבארעכטיקונג. לסוף פון דריטן טייל איז פארהאן א לאנגער מאמר פון גוסטאוו יעלינעק, וועגן דער „עסטרייכישע ווידערגוטמאכונג“ וואס איז, ווי מיר ווייסן, א גאר טרויריק קאפיטל: פאר דעם אנגעראבעוועטן יידישן פארמעגן אין באטרעף פון שווערע מיליאנען דאלארן, האט די עסטרייכישע מלוכה געפרווט זיך ארויס צו דרייען פון „ווינערגוטמאכונג“ מיטן פוילן תירוץ אז זיי אליין, די עסטרייכער, זיינען געווען קרבנות פון נאציזם.

---

דער פירטער און לעצטער טייל וואס איז באטיטלט חורבן באהאנדעלט קודם, אין א פארשארבעט פון פעטער פולצער, די „אנטוויקלונג פון פאליטישן אנטיסעמיטיזם אין עסטרייך“ וואס האט זיך אנגעהויבן ביי זיי נאך אין דער תקופה פון מיטל־אלטער און איז אויך פראקטיצירט געווארען ביי די עסטרייכישע סאציאליסטן וואס האבן איבער־גענומען די ממשלה פון לאנד אין יאר 1,18, ניט קוקנדיק דערויף וואס, אין דער אנפירונג פון די סאציאלדעמאקראטן האבן זיך געפונען פראמינענטע יידן ווי: אטא בויער, פרידריך אדלער, יוליוס דויטש א.א.

דער ענגלישער היסטאריקער נארמאן בענטוויטש באריכטעט וועגן דער „צעשטערונג פון דעם יידישן קיבוץ אין עסטרייך אין די יארן 1938־1942. מער דעטיילירט, מיט שרעקלעכע פרטים שרייבט וועגן חורבן־עסטרייך, דער וויצעדירעקטאר פון „יד־ושם־ארכיוו“ הערבערט ראזענקראנץ. אין זיין דאקומענטאציע־מאמר פון 46 זייטן: „דער אנשלוס און די טראגעדיע פון די עסטרייכישע יידן 1934־1945“ פארצייכנט ראזענקראנץ אלע שענדלעכע גזרת און אכזריותן וואס די ס.ס. מערדער האבן אדורכגעפירט דארט שוין אין די ערשטע חדשים פון דער אקופאציע נאך איידער זיי האבן פראקטיצירט די „ענדלעזונג“. דער סך הכל איז: צווישן אונזערע 6 מיליאן קדושים געפונען זיך אריבער 60 טויזנט עסטרייכער יידן הי״ד.

צום גרויסן באדויער און צוליב דוחק אין פלאץ איז נישט מעגלעך געווען צו קאמענטירן די וואזשנע אפהאנדלונגען פון: ריכארד גרינבערגער „יידן אין עסטרייכישן זשורנאליזם“, הילדע שפיל „יידישע פרויען אין דער עסטרייכישער קולטור“, יוסף לעפטוויטש „זכרונות פון ווין“, מארטא האפמאן „זכרונות פון מיין באבע“, ערנסט וואלדינגער „יידישע יוגנט אין דער ווינער פארשטאט“ — מאמרים פון א הויכן ניווא וואס דערגאנצן די שלמות פון ספר. די ארויסגעבער פון דעם בוך זיינען די ארגאניזאציעס פון דעם „וועלטפארבאנד פון די עסטרייכישע יידן“. „קליימס־קאנפערענץ“ האט זיך משתתף געווען אין די הוצאות.

זאל מען דעם ספר אדער אנטאלאגיע צורעכענען צו דער גרופע „יזכר־ביכער“ וועלכע דערשיינען אזוי פילצאליק לזכר נאך די פארברענטע שטעט און שטעטלעך אדער אפשר איז עס א יחיד במינו אין דער חורבן־ליטעראטור?

אלנפאלס וואלט איך געראטן פאראינטערעסירטע יידן זיך צו פארשאפן דעם בוך און זיך פארטיפן אין זיין תוכן, דעם ספר „יידן פון עסטרייך“ וואס איז מיט אזוי פיל איבערגעגעבנקייט און היסטארישן אחריות צונויפגעשטעלט געווארן פון יוסף פרענקעל.

## שארל באדלעיר

### דער פרעמדער

ווען האסטו אממערסטן ליב, א סודותדיקער מענטש, זאג? דיין טאטן, דיין מאמע, דיין שוועסטער אדער דיין ברודער?

— כ׳האב נישט קיין טאטן, קיין מאמע, קיין שוועסטער, קיין ברודער.

— דיינע פריינט?

— איר באנוצט אייך מיט אווארט, וואס עד־היום איז דער טייטש דערפון מיר געבליבן אומבאקאנט.

— דיין פאטערלאנד?

— כ׳ווייס נישט וואו עס געפינט זיך.

— די שיינקייט?

— כ׳וואלט זי גערן געליבט, אט די אומשטערבלעכע געטין.

— דאס גאלד?

— איך האב עס אזוי פיינט ווי איר האט פיינט גאט.

— טא וואס־זשע האסטו ליב, דו מאדנער פרעמדער?

— כ׳האב ליב די וואלקנס... די וואלקנס וואס גייען פארביי... דארט אונטן... די וואונדערלעכע וואלקנס?

### שכורט אייך אן

מען דארף זיין תמיד שכור דאס איז אלץ: ס׳איז די איינציקע זאך. כדי נישט צו שפירן די משא פון צייט וואס ברעכט אייך די פלייצעס און בייגט אייך צו דער ערד, דארף מען זיך אנשכורן אן אן אויפהער.

אבער מיט וואס? מיט וויין, מיט פאעזיע אדער טוגנט, דאס איז שוין אייער זאך. נאר שכורט אייך אן.

און אויב טיילמאל, ערגעץ־וואו אין א פאלאץ, אויפן גרינעם גראז ביי א גרובן, אין דער אומהיימלעכער איינזאמקייט פון אייער שטוב, איר כאפט אייך אויף, די שכרות שוין פארמינערט אדער פארשוואונדן, זאלט איר פרעגן ביים ווינט, ביי דער ים־כוואליע, ביי א שטערן, ביי א פויגל, ביי א זייגער, ביי אלעם דעם וואס פארשווינדט, ביי אלעת דעם וואס זיפצט, ביי אלע דעם וואס קאלערט זיך, ביי אלעם דעם וואס זינגט, ביי אלעם דעם וואס רעדט, איר זאלט פרעגן ווי שפעט עס איז; און דער ווינט, די כוואליע, דער שטערן, דער פויגל, דער זייגער, וועלן אייך ענטפערן: „ס׳איז די שעה זיך אנצושכורן! כדי קיינמאל נישט צו זיין קיין געפייניקטער קנעכט פון צייט, זאלט איר אייך כסדר אנשכורן אן אן אויפהער! מיט וויין, מיט פאעזיע אדער טוגנט, יעדער אויף זיין שטייגער“.

יידיש א. אלמוג

278

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 8־9 (העפט 1־440) ניין און צוואנציקסטן יאר אויג.־סעפ. 1968 לאנדאן


א י נ ה א ל ט:


| | | |
|---|---|---|
| ירושה און המשך — לעצטע שורה־סך־הכל, ראש השנה תשכ״ט | ** | 1 |
| דער קאסמאפאליטישער ראש־השנה (עסיי) | יעקב ריכטיגער | 6 |
| דער וועג קיין נינוה (ליד) | יוסף לעפטוויטש | 12 |
| דער פארשאלטענער איוב (דערציילונג) | יוסף ד. באסט | 12 |
| נאך נעילה (ליד) | שמואל וההייט | 17 |
| באשעפער פון ערד און גייסט | מאיר גערטנער | 18 |
| אל תירא עבדי יעקב (ליד) | הערי פאצאנאווסקי | 23 |
| „עלזע לאסקער שילער“, דער זעער א.א. (פראזע און פאעזיע) | א. נ. שטענצל | 24 |
| דער נאר און די ווענוס, די מעשים טובים פון דער לבנה | שארל באדלעיר | 44 |
| י. ל. פיין פינף און אכציק יאר יונג | אייזיק גאלדבערג | 42 |
| אן אויסערגעווענלעכע שול־צערעמאניע (פלעטאן) | י. ל. פיין | 43 |
| חשבון הנפש | שידאן | 46 |
| „קלאנגען“ פון ישעיה זאנדבערג, | פראפעסאר שמואל אייזנשטאטד | 47 |
| כצל עובר | מאיר באגדאנסקי | 48 |
| זומער פייגעלעך (ליד) | עלע זילבערג | 49 |
| מוזיק | מאיר באגדאנסקי | |


## יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

שבת, דעם 21׳סטן סעפטעמבער — נעט רובין לייענען: „אויב נישט נאך העכער“ פון י. ל. פרץ, „לשנה טובה תכתבו“ פון שלום עליכם. מאיר באגדאנסקי זינגען: ראש־השנה תפילות.

שבת, דעם 28׳סטן — י. ריכטיגער, נ. רובין און מ. באגדאנסקי.


רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS.
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*